ז. סעגאַלאָוויטש

# אַ בוים פון פּוילן

0-657-08972-9
4091

ז. סעגאַלאָוויטש

# אַ בוים פון פוילן

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08972

# A BOYM FUN POYLN

## Zusman Segalowitch

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Eleanore and Lowell Fisher*
*In honor of our granddaughter Lauren M. Marks*
*on her graduation from law school*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.


ז. סעגאַלאָוויטש
אַ בוים
פון
פוילן
בוענאָס-אײַרעס
1945
מ. פייגענבלום

ACL 8149

PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by Z. Segalowicz

**Z. Segalowicz**

# UN ARBOL DE POLONIA

(A BOIM FUN POILN)

Editado por el Comité de Homenaje a Z. Segalowicz

BUENOS AIRES, 1945

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723



ז. מעגאַלאָוויטש

דאָך בוך „אַ בוים פון פוילן" ווערט אַרויסגעגעבן דורך אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט פאַריין אין בוענאָס איירעס, פעברואַר 1944, צום 60-יאָריקן געבורטסטאָג פון ז. סעגאַלאָוויטש.

דער קאָמיטעט באַשטייט פון פאָלגנדע פערזאָנען:

מאַרק טורקאָוו — פאָרזיצער; גרעגאָריאָ וואלטשאנסקי און ענריקע קוליש — וויצע-פאָרזיצערס; יצחק מונאַקער — סעקרעטאַר; יהושע דובינסקי — פראָ-סעקרעטאַר; אברהם שבת — קאַסירער; סאַלאָמאָן פאַט — פראָ-קאַסירער; קאָמיטעט מיטגלידער: בערנאַרדאָ אָוסעכעוויטש, ח. אַיאַלטי, וואָלף ברעסלער, י. ל. גרוזמאַן, דר. יואל זינגער, דר. ל. זשיטניצקי, אברהם מיטלבערג, שמואל ראַזשאַנסקי און משה שענדעריי. רעכענונגס-איבערזעער: דוד הירש און משה לעיווא.

☆

☆ ☆

די קולטור-מדרגה פון אַ פאָלק ווערט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשאַצט לויט דער באַציאונג, וואָס דאָס פאָלק ווייזט אַרויס צו זיינע דיכטער און קינסטלער. דער נאַציאָנאַלער דיכטער איז דאָך דער נביא פון זיין פאָלק. דורכן דיכטערס שאַפן ווערט דערצויגן דער יונגער דור. דעם דיכטערס וואָרט איז דער וועג-ווייזער פאַרן פאָלק. דאָס דיכטערישע ליד, מיט וועלכן דאָס קינד ווערט דערצויגן, איז די זריעה, וואָס מען פלאַנצט איין אין דער פאָלקס-נשמה אַלס אויסדרוק פון צוגעבונדנקייט צו דער פאָלקס-קולטור, פאָלקס-געשיכטע און פאָלקס-טראַדיציע. עס איז די ליבע צו דער מאַמע-ערד און צו דער שיינקייט פון דער נאַטור. דער דיכטער דערהויבט אונדז מיט זיין וואָרט, ער קען אונדז שטראָפן מיט זיין וואָרט.

נאָר פעלקער, וואָס ווייסן ווי אָפּצושאַצן און ערן זייערע דיכטער, זיינען ראוי באַצייכנט צו ווערן אַלס קולטור-פעלקער.

ווי אַזוי באַציט זיך אונדזער עם-הספר צו זיינע דיכטער און קינסטלער ?

מיר האָבן דאָך נישט קיין רעגירונג, וואָס זאָל פאַר זיי

זאָרגן. און אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָך אַפילו אין די גוטע, רואיקע צייטן אַזוי געווען פאַרטון אין פּאָליטיק, אַז פאַר דיכטונג און קונסט איז שוין ווייניק צייט פאַרבליבן. אונדזער אַזוי-גערופענע יידישע אינטעליגענץ איז שוין צו-ווייט אַוועק פונעם פאָלקס-שורש, האָט זיך צו שטאַרק אַסימילירט — אָדער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַסימילאַציע, וואָס ז. סעגאַלאָוויטש האָט באַצייכנט מיטן קלאַסישן באַגריף פון „שמענדריקיזם", — אַז פון איר קען מען שוין נישט דערוואַרטן קיין שום וואַרעמע באַציאונג צו די, וואָס שמידן-אויס אונדזער פאָלקס-קולטור.

דער יידישער דיכטער געהערט נישט צו זיי.

דער יידישער דיכטער געהערט צו דער פאָלקס-מאַסע. פאַר אָט דער דאָזיקער מאַסע זינגט אויס דער דיכטער זיין ליד, זיין צער און טרויער, זיין לייד און זיין פרייד. צו דער יידישער פאָלקס-מאַסע איז געווענדעט זיין וואָרט, אין דער יידישער פאָלקס-שפּראַך לעבט ער זיך אויס און נאָר זי, די דאָזיקע מאַסע, איז די איינציקע, וואָס קען זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון פאַרשטיין דעם דיכטער און אַרויסווייזן צו אים די אויפריכטיקע דאַנקבאַרקייט.

דעריבער איז אויך די פרייד פון דעם דיכטער אַ פרייד פון דער מאַסע און דער טרויער פון דער מאַסע איז דער טרויער פונעם יידישן דיכטער, ווייל דורך זיין ווערק באַקומט דאָס דעם אמתן קינסטלערישן אויסדרוק.

צום יידישן מאַסן-מענטש האָבן גערעדט אונדזערע קלאַסיקער. פאַרן יידישן פאָלקס-מענטש איז באַשאַפן געוואָרן די יידישע ליטעראַטור.

* . *

ז. סעגאַלאָוויטש פאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווען ער איז מיט העכער 40 יאָר צוריק געקומען אין דער עפנטלעכקייט מיט זיין ליד, האָט מען אים נישט פאַרשטאַנען. בעסער געזאָגט: מען האָט אים נישט געוואָלט פאַרשטיין.

די צייטן זיינען דאַן געווען שטורמישע, די מאַסן זיינען געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט.

דער רוף צו גיין אויף באַריקאַדן, בכדי דורך קאַמף זיך צו באַפרייען פון דער צאַרישער טיראַניע, בכדי אויסצוקעמפן פאַר זיך פאָליטישע און סאָציאַלע פרייהייט, האָט באַהערשט אַלע אונטערדריקטע פעלקער פון דער אַמאָליקער רוסישער אימ-פעריע. אויך די יידישע מאַסן האָבן נישט געקענט בלייבן אין שאָטן פון דעם דאָזיקן העראָישן קאַמף.

די יידישע דיכטער, וואָס האָבן באַזונגען די יידישע אָרעמ-קייט, האָבן מיט זייער ליד געוואַרעמט און דערמוטיקט דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג פון די יידישע מאַסן. באַשרייבנדיק אין זייערע לידער און אין זייערע דערציילונגען דאָס אָרעמע און געפייניקטע יידישע לעבן, די יידישע רעכטלאָזיקייט, דאָס לעבן אין דער פאַבריק, אין די קעלער און בוידעם-שטיבלעך, האָבן אונדזערע וואָרט-קינסטלער אַקטיוו מיטגעווירקט אין באַפּעס-טיקן די בונטאַרישקייט פון דער יידישער פאָלקס-נשמה און די גרייטקייט צו מעשים, בכדי זיך צו באַפרייען פון דעם יאָך פון אונטערדריקונג. אין די פאַבריקן און אין די ישיבות האָבן זיך צעשפרייט די דערמוטיקונגס-ווערטער און די יידישע מאַסן זיי-נען אַרויס קעמפן אויף די באַריקאַדן, ווערנדיק אַן אַקטיווער באַשטאַנד-טייל פון יענער שטורמישער עפּאָכע.

אָט אין דער דאָזיקער צייט איז ז. סעגאַלאָוויטש געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער זיין וואָרט און זיין ליד האָבן אַנדערש געקלונגען.

די רעוואָלוציאָנער-געשטימטע אַרבעטער און אַרבעטס-מיידלעך האָט ער געבראַכט דאָס ליד וועגן ליבע, וועגן שיינ-קייט, ער האָט באַזונגען די נאַטור, דעם בלויען הימל, די גרינע פעלדער, די בלומען און דעם ווילן צום לעבן.

די אָפיציעלע ליטעראַטור-מבינים, די רעדאַקטאָרן פון אַר-בעטער-צייטונגען האָבן נישט געקענט פאַרשטיין דעם זין פון אָט דער דאָזיקער סענטימענטאַלער פּאָעזיע, אָבער אין די קליי-נע ענגע פאַבריקלעך, די אָרעמע בוידעם און קעלער-שטיבלעך, צו די בלאַסע פאַבריקס-מיידלעך און אויסגעהאָרעוועטע בחו-רים, האָבן די דאָזיקע לידער אַריינגעדרונגען ווי אַ ליכטיקער שטראַל אין זייער פאַרמאַטערט און האָפענונגסלאָזן לעבן.

סעגאַלאָוויטש אַליין שטאַמט אויך פון דער דאָזיקער יידי-שער אָרעמקייט. אין זיין געבורטס-שטאָט ביאַליסטאָק, די דאָ-זיקע אומרואיקע און אַרבעטזאַמע יידישע פאַבריקס-שטאָט, האָט ער אין זיין פריער קינדהייט געזען די נויטן פון זיינע נאָ-ענטע און שכנים און שטרעבנדיק אַליין צו עפּעס העכערן און שענערן, האָט ער דורך זיין ליד געוואָלט מאַכן שענער און אנגענעמער אויך זייער לעבן.

ביי די וועבער-שטולן פון ביאַליסטאָק און לאָדז האָט זיך צעקלונגען סעגאַלאָוויטשעס ליד, ווי אַ באַלזאַם, ווי אַ טרייסט פאַר טויזנטער און טויזנטער יידישע אַרבעטס-מיידלעך און בחורים.

אָט אַזוי איז ז. סעגאַלאָוויטש אַריין אין דער יידישער לי-טעראַטור.

אָפטמאָל באַקעמפט, נאָך אָפטער פאַרשוויגן, איז ער אַן איינזאַמער געגאַנגען זיין אייגענעם ליטעראַרישן וועג, געפינענ-דיק אָבער אַלץ מער און מער פּאָפּולאַריטעט און אנערקענונג ביי די יידישע לייענער מאַסן.

דער דיכטער איז געוואָרן אַ חבר פון זיין לייענער-מאַסע און זיינע לידער זייער באַגלייטער.

דאָס איז דער אייגנאַרטיקער וועג פון ז. סעגאַלאָוויטשן אין דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

אין דעם זאַמל-בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1938 אין וואַרשע לכבוד סעגאַלאָוויטשעס 35-יעריקן יובילעאום, געפינט זיך דעם דיכטערס אַן אַכט-שורהדיק ליד, וואָס אַנטהאַלט אַ מין דיכטערישע פילאָזאָפיע און מאַכט קלאָר פאַר אונדז סעגאַלאָוויטשעס באַציאונג צום ליד.

דאָס ליד איז אַ שלאָס מיט אַ גאָלדענער טיר
און אויב דו האָסט האַרץ, איז דער שליסל ביי דיר.
דאָס ליד איז דער קוש פאַר דיין איינזאַמער שעה,
איין קאַלטער געדאַנק און דאָס ליד איז נישטאָ...

דאָס ליד איז דער שטראַל אויף דעם ראַנד פון דיין יאָך,
גייסט איינער אַליין און דאָס ליד גייט דיר נאָך.
דאָס ליד איז דיין פרייד און דיין גוטער געמיט
ווי אָרים מען איז, ווען מען האָט נישט קיין ליד.

און מיט פינף יאָר שפּעטער, אין די יאָרן פון חורבן און אומקום, האָט שוין דאָס ליד פון דעם באַזינגער פון דער נאַטור, פון דעם דיכטער פון „קאַזימיעזש" און „רייזעלע דעם שוחטס" גאָר אַנדערש אָנגעהויבן קלינגען:

איך בין אַ פאַרשאָלטענער דיכטער,
ווייל קללות באַגלייטן די לידער,
די קללות פון אונדזער געשיכטע,
אַ דור און אַ חורבן שוין ווידער...

אָבער דער דאָזיקער טראַגישער סך-הכל און טראַגישער אַני-מאמין פון אַ יידישן דיכטער איז נישט בלויז זיין טראַגעדיע. עס איז אונדזער אַלעמענס טראַגעדיע, עס איז די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק — די טראַגעדיע פון דעם היינטיקן מענטשלעכן דור.

עס איז נישט איצט אונדזער אויפגאַבע מאַכן אַ פולשטענדיקן אַנאַליז פון ז. סעגאַלאָוויטשעס ליטעראַרישער טעטיקייט

במשך פון די העכער 40 יאָר, וואָס ער שטייט אין דינסט פון דער יידישער ליטעראַטור.

זיינע צענדליקער בענדער לידער, ראָמאַנען און נאָוועלן, זיינע ליטעראַרישע עסייען, פעליעטאָנען און זכרונות — דאָס איז אַ שטיק יידיש לעבן, אַ שטיק יידישע פאָלקס-געשיכטע.

דער ציל פון די דאָזיקע שורות, וואָס דאַרפן איינלייטן דאָס נייע בוך פון סעגאַלאָוויטש, וואָס דערשיינט דאָ, אין דעם ווייטן בוענאָס-איירעס, איז אויסן גאָר עפּעס אַנדערש.

דער ציל איז נישט אַזוי ווייט צו ריידן וועגן סעגאַלאָוויטש, נאָר וועגן דער באַציאונג פון דעם יידישן פאָלקס-מענטש צו סעגאַלאָוויטשן, די דאַנקבאַרקייט פון דער יידישער לייענער-מאַסע צו איר באַליבטן דיכטער.

אין סאַמע מיטן פון שרעקלעכן וועלט-חורבן, ווען יעדער איינער פון אונדז איז געוואָרן אַן אָבל, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז געוואָרן פאַריתומט, ווען דאָס שענסטע און בעסטע פון דעם יידישן פאָלקס-לעבן איז חרוב געוואָרן, די בעסטע און שענסטע פון אונדזערע קינסטלער, וויסנשאַפטלער און קעמפער זיינען אומגעקומען אין דער מיליאָניקער מאַסע פון קרבנות, האָט ז. סעגאַלאָוויטש פאַרענדיקט 60 יאָר פון זיין איינזאַמען, אָבער קינסטלעריש-רייכן לעבן.

ער האָט די מלחמה-יאָרן דורכגעמאַכט, פונקט ווי אַ סך אַנדערע, אויף וואַנדערונגען, זייענדיק אָפטמאָל „איין סענטימעטער פון טויט".

ער האָט דורכגעמאכט די שרעקלעכע עפּאָפּעע פון אַ פּליט מיט אַלע טראַגישסטע דעטאַלן, מיט אַלע שווערע איבערלע-בונגען, מיט וועלכע דאָס אַנטלויפן פאַרן טויט איז פאַרבונדן.

אַ צעבראָכענער, מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ און צעווייטיק-טער נשמה, האָט ער קוים, קוים זיך דערשלאָגן קיין ארץ-ישראל און קומענדיק פיזיש אַ ביסל צו זיך, האָט ער זיך ווידער גע-נומען צו דער פען. אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אַלץ

וואָס ער האָט געזען און די געדאַנקען וועגן אַלעם, וואָס ער, פּונקט ווי מיר אַלע, האָט פּאַרלוירן, האָבן זיין אומרואיקער נשמה נישט געלאָזט רוען און סעגאַלאָוויטש האָט אין אַ טיף־מענטשלעכער און העכסט־קינסטלערישער פאָרם דאָס אַלץ גע־שילדערט אין אַ ציקל פון דיכטערישע ווערק, וואָס ווערן פאַר־עפנטלעכט אין דעם דאָזיקן בוך.

עס זאָל אייגנטלעך הייסן, אַז דאָס האָבן זיינע פריינט און פאַרערער פון דער אַלטער היים, וואָס לעבן איצט אין בוענאָס איירעס, אים געוואָלט צוטראָגן אַ מתנה צו זיין 60־יעריקן גע־בורטס־טאָג. אָבער איך מיין, אַז נישט סעגאַלאָוויטשן ווערט די דאָזיקע מתנה אונטערגעטראָגן, נאָר זיך אַליין. דעם יידישן לייענער ווערט געגעבן דאָס דאָזיקע בוך אַלס דערמאָנונג וועגן דעם טראַגישסטן קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע, וואָס סע־גאַלאָוויטש האָט אַזוי קינסטלעריש פאַרייביקט אין דער יידי־שער ליטעראַטור.

אָט אַזוי דאַרף פאַרשטאַנען ווערן די אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן בוך, וואָס דערשיינט לכבוד סעגאַלאָוויטשעס 60־טן געבורטס־טאָג און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ געזעל־שאַפטלעכן קאָמיטעט לויט דער איניציאַטיוו פון דעם ביאַליס־טאָקער לאַנדסלייט פאַריין אין בוענאָס איירעס.

מאַרק טורקאָוו

בוענאָס איירעס, יולי 1945.

# אַ בויס פון פוילן
(מגילת־פליט)

## א

אין קאַזמיערזש ביים וועג צו טשערניאַוואַ
גענרינט האָט אַ שלאַנקע בעריאָזע...
אַ ווייסע, אַ שוויינקע פּאַווע
האָט שיינקייט געוואָרפן אָן פּאָזע.
איך האָב זי באַגעגנט פיל יאָרן
און שטענדיק באַגריסט מיט מיין שווייגן,
אַ בוים איז אַריין אין זכרון,
אַ בוים מיט געקרויזלטע צווייגן.
אַ בוים מיט דעם גאַנצן אַרומעט
האָט לאַנגזאַם אין האַרץ איינגעדרונגען
מיט זון און מיט רעגן, מיט אומעט —
איך האָב עס אַ דור אויסגעזונגען.
דאָס איז דאָך אַ שטאַם פון די שטאַמען.
אַ בוים אויף דער ערד פון אַלט־פּוילן,
איך האָב אויך מיט דעם אָ צוזאַמען...
דערלויבט מיר, איך וועל אייך דערציילן...
דערלויבט מיר צו זיין אָפנהערציק
און וואָרט זאָל אַליין זיך נישט שטערן...
איך שרייב שוין אַזוי אַ יאָר פערציק.
עס לוינט זיך נישט אַנדערש צו ווערן.

## ב

עס האָט יעדער מענטש אין זיין לעבן
איין לאַנדשאַפט וואָס בלייבט אין נשמה,
נאָר אָט האָט אַ דונער געגעבן —
עס האָט מיך פאַריאָגט די מלחמה.
איך בין איבער פעלדער געלאָפן,
ווייסרוסישע פעלדער, וואָלינער,
איך בין אין אַ פערדשטאַל געשלאָפן
און ווידער געלאָפן באַגינען.
געמאָסטן האָב איך פיל שאָסייען,
מיט פליטים דורך בלאָטעס און טאָרפן,
מען האָט נישט געהערט קיין געשרייען,
אַ קרעכץ האָט ניט קיינער געוואָרפן.
נאָר אויגן געזען האָב איך — ימען,
יאָ, אויגן — פאַרזונקענע שיפן...
איך וועל מיט די אָרעמע גראַמען
דאָס אומגליק נישט קאָנען פאַרטיפן,
פאַר זייערע עלנטע אויגן
האָט וועלט אויסגעקויפט פיל נבלות,
עס האָבן זיך ביימער געבויגן
און ווינט האָט געשליידערט פיל קללות.

## ג.

צום גונסטן פון מענטש מוז מען זאָגן,
מען האָט נישט דערשטיקט דאָס געוויסן...
אין שרעקלעכן וועג נידערשלאָגן,
מען האָט זיך געטיילט מיטן ביסן.
געווען בין איך שוואַך און אַ קראַנקער,
האָט איינער געוואָלט זיין מיין טרעגער...
איך האָב נאָך אַזוי פיל צו דאַנקען
פאַר וואַסער און ברויט, פאַר געלעגער.
פאַר עפּל, פאַר מילך, סיגאַרעטן,
פאַר וואַרעמען בגד זיי בענטשן.
מען האָט זיך דאָך פּשוט געבעטן
מיט גוטסקייט... אָ, טייערע מענטשן!
אין יענע געפּלאָגטע מאַרשרוטן
אין פּחד, אין שיפלות, אין שאַנדע...
איך האָב ווי אַן אַלטער מחותן
באַטראַכט מיינע שותפים אין וואַנדער...
זיי זיינען מיר נענטער געוואָרן,
פון פינצטערן אומגליק געטראָפן.
זיי זיינען מיר העכער געוואָרן —
זאָל ערגעץ דאָס ווערן פאַרשריבן.

ד

דערנאָך זיצט מען טעג און מעת־לעתן
אין ראָוונע, אין שווערע געדאַנקען...
אָט־דאָרט האָט מען רעטעך געגעסן,
גראָב־רעטעך מיט ברויט... גאָט צו דאַנקען!
עס זיינען געקומען די רוסן
מיט רויטקייט אַריין אין די שנייען,
מיט טאַנקען, מיט פערד און צופוסן,
מיט לידער, מיט לענינס אידייען.
און מיינע אַלט־גרויע געפילן...
דאָס זיינען גאָר אַנדערע לידער,
עס גייט אין מיין איינענעם ווילן
און נישט אין אַ בייזן דערווידער.
געוואוסט האָב איך איינס: אין די אויגן
מוז בלייבן דער מוט פון אַ דיכטער.
איך וועל זיך פאַר קיינעם נישט בויגן
און זיין זאָל מיין לעבן דער ריכטער.
דאָך האָב איך מיין הוט שוין צעריסן
און ערגעץ געפונען אַ היטל.
די ליפּן פאַרשטייפּט און פאַרביסן...
נאָר דאָס איז אַן אַנדער קאַפּיטל.

## ה

קיין ווילנע געלאָפן פון ראָוונע,
פון ווילנע קיין קאָוונע געקומען,
— אין קאָוונע דאָס איז דיר נישט ראָוונע
דאָ האָט מען מיט אונדז זיך פאַרנומען.
מען איז אונדז מיט טרייקייט באַפאַלן,
געזאָרגט פאַר דעם קלענסטן צופרידן...
אויב גאָט וועט וועלן טיילן מעדאַלן,
דאָס ערשטע — פאַר ליטווישע יידן.
צי קאָן מען די מענטשן פאַרגעסן ?
די אַלע די טייערע נעמען.
דאָ גייט נישט אין טרינקען, אין עסן,
דאָ דאַנקט זיך פאַר האַרץ ביז פאַרקלעמען,
דאָ גייט נישט אין וואַרעמען חדר,
— אין זאָרג פאַר מיין ביטערן דלות
איך האָב זיך געגעבן אַ נדר
מיט ליד צו באַצאָלן פאַר אַלעם.
די טירן געעפנט פאַר פּליטים,
פון שוסטער ביז רייך, ביז נגידיש,
גערעדט האָט מען האַרציק ביז גרייטקייט
און טאַקע אין פּשוטן יידיש.

ו

מיין יידיש! מיין טייערער לשון
און ראָזשינקעס־מאַנדלען אין תוכן.
און מעשות פון וויכנען און דוואָשען,
און שמ"ר איז אויך דאָ אַ צייכן,
און צונזערס בדחנישע גראַמען...
איך טראַכט מיר אַריין אין דער סיבה:
צי גייט נישט די שפּראַך פון דער מאַמען
צוזאַמען מיט מענטש און מיט ליבע?
עס האָבן די באָבעס און זיידעס
געזאַמלט די ווערטער, די קלאַנגען...
פאַר פּרצעס קינסטלער יסודות,
פאַר לייוויק, פאַר קולבאַק, פאַר מאַנגער,
פאַר שלום־עליכמס הומאָרן,
וואָס וועלן אונדז לאַנג איבערלעבן,
אויף יידיש געלערנט גמרא,
מיט יידיש געפּאָרן צום רבין.
און אונדזערע קלוגע גלייכווערטלעך
און אונדזערע האַרציקע ברכות,
מען זינגט אויף אַ שפּראַך און מען שווערט־זיך,
אַ שפּראַך קענען שמד אַ צו־להכעיס...

ז

אין ליטע איז רואיק געווען,
אַ וואוילשטאַנד אין לענדל אין קליינעם,
מען האָט די גאַזעטן געלעזן
און ראַדיאָ געהערט ביי די שכנים.
די קליגערע האָבן פאַרשטאַנען,
אַז גלאַט קאָן עס אַליך נישט געראָטן...
דערווייל איז מען זאָרגלאָז, ביז וואַנענט...
דערווייל האָט מען גענדזלעך געבראָטן.
די אַלטע, אַלט־מאָדישע ליטע
האָט אויסגעזען רייך און מאָדערן
און גאָט זאָל אין הימל באַהיטן
פון קריג און פון שווערן צעשטערן.
און קאָוונע געפּוצט און געוואַשן,
באַלויכטן ביינאַכט, ווי אין פרידן,
געווען איז צו עסן און נאַשן
פאַר אַלע... פאַר קריסטן און יידן.
אין פייער פון קריג און פאַרניכטונג
איז ליטע געווען אַן אָאַזיס,
נאָר דאָרטן, וואו גרענעץ האָט ריכטונג,
האָט רוסלאַנד באַפּעסטיקט איר באַזיס.

## ח

איך האָב זיך פאַרטייעט, באַהאַלטן,
אין אײנענעם אָפּגרונט פאַרזונקען,
מיט נייע באַקאַנטע און אַלטע
אין „מאָניקאַ" קאַווע געטרונקען.
געוועזן איז די קאַווע ניט ביטער,
נאָר ביטער דער מענטש, זיינע וועגן,
דאָס האַרץ ביז צום דעק אויסגעליטן,
און בליי איז אויף ווילן געלעגן.
עס האָט זיך געוויסלט אין פענצטער,
דער שניי פאַר די קינדער און שטיפער,
דער טאָג האָט געשראָקן, דער געגנסטער,
געשטאָכן אַלץ טיפער און טיפער.
דאָך שטענדיק פאַרגעסט דער בן־אדם,
זיין ענגאָ, זיין רו איז אים ליבער...
מען כאַפּט עפּעס אָנעט אַ פּאָדעם —
מען ציט ביז עס רייסט זיך ניט איבער.
אַזוי איז מיט מיר אָנגעגאַנגען:
געיאָגט אַלע שווערע געפילן,
די רגעס די גוטע געפאַנגען,
און — לידער געשריבן אַפילו.

## ט

פון אַלע יסורים, די שוואַרצע,
געגליט האָט אַ וואָרעם אָן ענדע,
אַריין איז דער סם שוין אין האַרצן
און דאָרטן פאַרבליבן אויף שטענדיק.
דער מענטש האָט צעבראָכן דעם ליטער,
וואָס האָט אים געהויבן אַלץ העכער...
דער מענטש לויפט אַ בלייכער, אַ טויטער
און קריכט אין מקלטים, אין לעכער.
נאָר קאָונע איז טעג און איז וואָכן
אין טעאַטער געגאַנגען, אויף בעלער...
מיט עפּעס אַ נעפּל־בטחון,
און אַלץ וועט זיך ענדיקן העלער.
די פּליטים געטראַכט האָבן אַנדעריש,
די זיינען געווען שוין דערפאַרן:
דאָס לענדל וועט ווערן פאַרוואַנדלט
גאַנץ גיך אין די גרעסטע געפאַרן.
האָט איינער אין ניו־יאָרק אַ ברודער,
דער צווייטער אַ פריינט אין שיקאַגע...
איז דעמאָלט אַוועק אַ נערודער
צו ראַטעווען זיך פון דער לאַגע.

9

געזוכט האָט מען איצט די אַדרעסן,
פון קרובים, אין וועלט אין פיר עקן...
ביי פריינט, וואָס מען האָט שוין פאַרגעסן,
געבעטן זיך וויזעס און טשעקן.
אַ פויגל פון איבער די ימען
אַנטלויפט מיט די שוואַכינקע פליגל,
אַ מענטש מוז זיך ווערגן און סמען
מיט ביטעס, מיט וויזעס און זיגל.
האָט עולם געוואַכט און געשטאַנען
ביים קאָנסול, ביי דעם און ביי יענעם —
אויב גיהינום איז טאַקע פאַראַנען,
איז „וויזע” דאָס האַרץ פון דעם גיהינום.
דער פּליט האָט אימפּעט באַקומען,
דער רייכערער פּליט אוודאי...
עס לויפט אַ דעפּעש צו אַ מומען,
עס קומט אַ דעפּעש פון קאַנאַדע,
די לופט איז שוין אָבער־דערוואָרגן
מיט פּאַנישע ווערטער און בליקן...
זאָל קומען דער טייוול כאָטש מאָרגן
און אַלעמען אונדז איבערשטיקן.

## יא

נאָר נעמט נישט צו ערנסט מיין יאוש...
דער מענטש איז מיר טייער, דער ליבער,
דערווייל טראָגט דער ניעמען שוין קריעס,
דערווייל איז דער ווינטער אַריבער.
און פרילינג פאַרנעמט נישט די זאַכן,
וואָס מענטשן פאַרדאָרבענע ווילן...
אויף אַלע אַלוועלטלעכע שפּראַכן
באַזינגט מען קאָלירטע מאָטילן.
דער פרילינג, ער האָט נישט פאַרקלענערט
זיין בלומען־געוועב און פון גרינסן
ער האָט אַלע וועגן פאַרשענערט,
פאַרשפּינט זיי מיט זיינע געשפּינסן.
טאָ זאָל ער פאַרוועבן מיין קלעמען...
זאָל זון־שיין מיין אומרו פאַרשטרייכן,
אַ טייך ביי דער האַנט, אַזאַ ניעמאַן
געוואָלט מיטן ווייסל פאַרגלייכן.
אין וועלדער אין נאָנטע פאַרשוואונדן,
געפּייניקט פון טאָג דעם פאַרשוועכטן
און שטענדיק אין יעדער באַזונדער
דערמאָנט דעם פאַרלאָרענעם נעכטן.

## יב

דער ווייסל... אַ היימישער נאָמען
פון טעג, ווען געווען בין איך יינגער,
איך בין מיט די דאָזיקע שטראָמען
אַ שותף, אַ פריינט, אַ באַזינגער.
אין פרילינג, אין זומער און שפּעטער,
ווען יעשען קומט זומער באַגראָבן,
בין איך דורך די גאָלדערנע בלעטער
געגאַנגען צופוס קיין זאַגלאָביע.
געגאַנגען דורך זאַמד קיין אָפּאָליע,
קיין פולאַווו, אין קרייז אין לובלינער,
מיט יידן פאַרבראַכט, באַלעגאָלעס,
מיט פויערם גערעדט וועגן הינער,
אין זשיכלין און אין וואָנוואָלניצע,
איך קאָן דאָ די לאַנדשאַפטן מאָלן...
פאַר אייך איז דאָס פרעמד באַכאָטניצע,
פאַר מיר אָבער גרינען דאָרט טאָלן.
ניט אַלץ ווערט אין האַרצן פאַרלאָשן,
ניט אַלץ קאָן דער גרויל איבעררייסן,
איך האָב זיך געליבט מיט אַנטאָשן
און דאָס איז מיין קנס מיטן ווייסל.

## י״ג

קיין איינציקער בוים איז געשטאַנען
אויף גאַס דאָרט, וואו איך בין געבאָרן,
אַ יינגל וויל רייסן קאַשטאַנען
און כאַפּן אַ ציג פאַרן האָרן.
קיין סימן פון גרינם אויף די הויפן,
קיין בלום ניט געזען פאַר די אויגן,
און וואָס איז דער וואונדער, מיין לויפן
צו פעלדער... עס האָט מיך געצויגן.
פאַר מיר איז דער קאַזמיערזש געוועזן
אַ ליכטיקער גרויסער דערשיינען,
איך האָב די אַקאַציעס און בעזן
געבאַפּט, ווי די שיכורע ווינען,
איך האָב מיט די בליקן גענאַשט עס,
מיר דאַכט זיך, פאַר דורות, פאַר דורות,
ווי וואַקסן עס ווייצן און קאַשעס ?
ווי בליען עס זאַפטיקע פירות ?
איך האָב עס באַוואונדערט מיט חידוש,
ביז אַליך איז מיר איינגנם געוואָרן.
דאָס איז אפשר פרעמדיש, נישט יידיש...
נאָר שולדיק איז האַרץ און זכרון.

## יד

פאַריז איז באַזעצט און פאַרנומען...
איצט האָט מען דערפילט אויף אַן אמת,
אויף ליטע וועט אויך עפּעס קומען...
מען זעט שוין אַ סימן, אַ רמז.
פיל פליטים, די ערשטע בשתיקה,
זיי האָבן גענומען זיך גרייטן,
ווי אמתע וואַנדער־מזיקים,
און איינער געגאַרט האָט דעם צווייטן.
וואו זיינען די מענטשן, די גוטע ?
פון וועג, פון די פּוילישע קווישן ?
איצט פעצט זיי דער ליטווישער פוטער,
איצט שלאָפט מען אַליין אויף אַ קישן.
וואָס פריינט מיר און וואָס מיר באַקאַנטער...
זאָל יענער פון הונגער פאַרדאַרן,
געהאַט האָט נאָך איינער בריליאַנטן,
דער צווייטער געהאַט האָט דאָלאַרן,
מען האָט שוין דאָס פנים באַוויזן,
דאָס פנים, וואָס שד זאָל עס גלעטן.
עס איז דאָך געגאַנגען אין וויזע,
און וויזע איז לעבן און רעטונג...

## טו

סכנה געוואָרן איז גרעסער,
פֿאַרשפּאַרט אַלע וועגן, פֿאַרלאָרן...
און דאָך קריגט מען וויזעס און פּעסער,
און דאָך זיינען יידן געפֿאָרן.
די הילפֿלאָזע זיינען פֿאַרבליבן,
די הילפֿלאָזע זיינען פֿיל שענער,
אויך די האָבן לופֿטבריוו געשריבן,
מיט גראָשנס געלעבט... און מיט פּלענער.
געוועזן איז געזאַלצן און ביטער...
וואָס נאָך וועט דער פּליט דערלעבן ?
דאָרט אויבן דער שטערן יופּיטער,
ווען ער וואָלט אַריינפֿאָר געגעבן...
אויף ריזיקע בערג הימאַלייען
אַרויפֿגיין... אַך ! ערגעץ פֿאַרשווינדן,
צי דען וועט קיין ווינקל נישט סטייען ?
פֿאַר פֿרידלעכע מענטשן און קינדער ?
אויף נאָרד־פּאָל, צום גליווער פֿון צפֿון,
אין וואַרעמען זאַק זיך פֿאַרנורען,
און שלאָפֿן און שלאָפֿן און שלאָפֿן !
און אויסשלאָפֿן אַלע קולטורן.

## טז

די קלײטן װי איבערגעלאָדן,
פֿון ייִדישע קעבלעך און קוכן
און עפּעס אַ ליטװישער פּלאָדן,
װאָס יעדערער מוז אים פֿאַרזוכן.
דער שבת איז אַלט... אין זײַן נאָמען
סערװירט מען געפּלאָכטענע חלות,
אַ פֿרײטיק מיט ריחות און בשמים,
אַ קאָװנע װאָס װײס ניט פֿון דלות.
אַ פֿרײטיק פֿון עלטערן שטײגער,
מיט קידוש בײ ליכטלעך װאָס צאַנקען,
און שבת שױן צװעלעף אַזײגער...
עס טרײסלט זיך קאָװנע פֿון טאַנקען.
די רוסן אַרײַן... ניט קײן שטרענגע,
נאָר שװײַגיק אַזױ װי די בערן.
סימעטרישע זעלנער־שערענגעס,
פֿיל זעלנער און פֿיל אָפֿיצערן.
איך בין דאָ ניט מער װי אַ דיכטער,
װאָס קוקט אויף דעם כּוח פֿון אײַזן...
דאָס אַלץ װעט דאָך װערן געשיכטע,
געשיכטע, װי שטענדיק מיט... גרײַזן.

## יז

זיי האָבן פאַרנומען די בריקן,
די טאַנקען... און סעריע נאָך סעריע,
מען זעט שוין טאַטאַרן, קאַלמיקן,
מען זעט שוין די רויטע אימפעריע.
און דאָנער קאָזאַקן, קובאַנער,
געקלאַפּט מיט די פיס און געפאָרן.
מען האָט דאָס ניט אַנדערש פאַרשטאַנען:
די וועלט איז פאַרזעלנערט געוואָרן.
פאַר וועמען אַזויפיל געווערן?
פאַר וועמען אַזויפיל האַרמאַטן?
קליין ליטע, קליין לענדל, וועסט ווערן
אַ שלאַכט־פעלד פאַר פרעמדע סאָלדאַטן.
דערווייל אָבער דאַרף מען פאַרריכטן
דעם טעות פון הונדערטער דורות,
די אָרעמע אַרבעטער שיכטן,
זיי פאָדערן מאַכט איצט און גזירות.
דערווייל אָבער קלעפט מען פלאַקאַטן
אין נאָמען פון אַלע סאָוועטן,
מען בעט אים דעם רייכן, דעם זאַטן,
ער זאָל זיך ניט לאָזן לאַנג בעטן.

## יח

פאַראַן אומעטום פיל פאַרשווינען,
וואָס ווייסן די צייט צו דערקענען...
געווען איז ער גאָר אַ ציוני
און איצט איז ער רויטער ווי לענין.
איך וועל דאָ נישט לויבן פיל זאַכן
און אויך זיי נישט טאַדלען אין... לידער...
געווען איז צו וויינען און לאַכן —
ווען שלום־עליכם קומט ווידער.
מען האָט זיך געכשרט פון יחוס...
דאָס פנים פאַרמעקט און פאַרביטן,
פאַראַן זיינען אומעטום קריכערס,
געווען אויך אַזעלכע אין ליטע.
מען האָט מיט די נייע געזעצן
זיך פשוט געשטיקט און געוואָרגן,
נאָר זיי, גאָר די פרישינקע ספּעצן,
זיי ריידן פון ליכטיקן מאָרגן...
דער נעכטן... פאַראַן איז אַ נעכטן,
מען האָט עס געוואָרפן אין בלאָטע...
דאָס איז אַזוי ביטער און קנעכטיש,
ווען שולדלאָזע האָבן חרטה.

## יט

איך האָב מײנע פּליטים געפֿונען
אינגאַנצן געבראָכן, געבױגן,
מען דאַרף אַ סך הימלען און זונען
צו הײלן דעם צער פֿון די אױגן.
די פּליטים... װאו װעט מען זײ פֿירן ?
מען זאָגט אין די שנײאיִשע װעלטן...
זײ זאָלן זיך גוט קאָנסערװירן,
פֿאַרשיקט מען זײ װײַט אין די קעלטן.
מען האָט אױך גערעדט װעגן תּפֿיסה...
דער פּליט איז הפֿקר אױף שטענדיק...
זאָל לעבן דער גאָט פֿון די ניסים,
עס האָט זיך פֿיל בעסער געענדיקט.
די פּליטים, די יענע װאָס װילן,
די מעגן זיך פֿאָרן און רײזן
קײן מעקסיק, קײן טשיליען, בראַזיליען,
װאו אײנער װעט קענען באַװײזן,
קײן ארץ־ישראל, קײן ניו־יאָרק דורך ימען,
װאו אײנעם װעט גורל פֿאַרפֿירן...
מען דאַרף נאָר די צײַט ניט פֿאַרזאַמען,
מען מוז גלײַך דערלאַנגען פּאַפּירן.

## כ

דערווייל האָבן אַלע קאָנסולן
די טירן געגומען פאַרשליסן,
מען פלעגט זיי די מוחות צעדולן,
מען האָט זיי כמעט ווי צעריסן.
עס איז שוין געקומען דער יעשען
צו ווערגן דעם מענטש ביז חלשות
און ווידער די לאַנגע דעפּעשן,
צו קרובים די לעצטע... בקשות.
דערנאָך ווען אין לענדל, אין ליטע,
איז מער שוין קיין קאָנסול פאַרבליבן...
האָט איינער אַ כוואַט, אַ געניטער,
אַליין זיך די וויזעס געשריבן.
געזיגלט מיט טריוואַקס די שנירלעך,
געשטעמפּלט אויף איינעם אופן...
מען האָט שוין געפונען פּאַפּירלעך
פאַר אַלע, וואָס קענען אַנטלויפן.
אויך דאָס איז ניט ערלעך צו מאַכן,
זאָל וועלט פון הריגה פאַרגעבן...
מען וועט נאָך דערמאָנען די זאַכן,
וואָס האָבן געבלוטיקט דאָס לעבן.

## כא

אין קאָוונע אַ גאַס איז פֿאַראַנען,
די גאַס וואָס מען רופֿט „גערעמינא“.
איז דאָרטן אַ בנין געשטאַנען,
אַ בנין וואָס וועקט נישט די שכינה,
דאָרטן זיינען געזעסן באַאַמטע,
וואָס דאַרפֿן דיין רייזע דערלויבן...
ניט ערגער ווי אַלע באַאַמטע,
גאַנץ רואיקע מענטשן, ווי טויבן,
מען גיט דיר אַ בענקל, מענסט זיצן,
און פֿילן זיך היימלעך און היימיש.
מענסט זיצן מיט פּחד און שוויצן,
און לייג שוין אַרויס דיינע שמות:
די וויזעס, די פּאַס־דאָקומענטן,
מען צייכנט עס אָפּ מיט אַ נומער,
מען רופֿט אָן אַ דאַטע „דעם צענטן“,
„דעם צענטן זאָלסט ווידער דאַן קומען“.
אַ דאַטע, וואָס איז דען אַ דאַטע ?
מען קאָן עס דאָך לייכט איבעררוקן,
מען דאַרף זיך אין אמת נאָך באַראַטן,
מען דאַרף אַ פּאַפּיר איבערקוקן.

## כב

דערנאָך איז מען וואָכן, פיל וואָכן
געשטאַנען אין ריי אין די טאָרן...
און ווידער שוין אוים מיט בטחון,
איז ווידער די וועלט שוין פאַרלאָרן.
דערנאָך האָט מען יעדן באַזונדער
פאַרבעטן אין איינעם אַ חדר...
געשמועסט מיט פליט פיל שטונדן
און פראַגעס געשטעלט אים כסדר.
מען מוז דאָך, מען מוז אַלץ דערציילן,
פון אָפּשטאַם, פון זינד און פון טוגנט —
מיט וואָס זיך באַשעפטיקט אין פוילן ?
מיט וועמען פאַרבראַכט אין דער יוגנט ?
דורך וואַנענט קיין קאָוונע פאַרוואַנדלט,
דורך וועגן, דורך וועלכע און שטרעקעס ?
צי האָט ניט דיין טאַטע געהאַנדלט
מיט אַלטע פאַרזשאַווערטע טשוועקעס ?
צי ביסטו אין אויסלאַנד געוועזן ?
צי גלויבסטו אין מענטש, צי אין שדים ?
און ביכער... און וועלכע געלעזן ?
און פראַגעס פון קלאָץ און פון בוידעם.

## כג

די רוסן זיי זיינען מיר גערן,
גוטמוטיקע מענטשן און גלייביק,
און פושקין האָט פיל מיר געלערנט,
איך ווייס עס צו שעצן אויף אייביק.
איך קאָן זייער שפּראַך און נשמה
פון הויכן, גאָר הויכן פאַרנעמען,
און פריער, צי שפּעטער, מסתמא,
זיי וועלן די וועלט נישט פאַרשעמען.
איין דור האָט דערשטיקט פיל געפילן,
דער צווייטער וועט אפשר דערפרישן...
וואָס צייט וועט באַנייען, פאַרהילן —
איך ווייס ניט, איך וויל זיך ניט מישן.
איך וויל בלויז דאָס שטיקל פּאַפּירל,
דעם שטעמפּל פון גאָס „געדעמינא"...
מיר ציילן אין ווינטער־טעג ספירה,
מיר וואַרטן מיט ביטערע מינעס.
דאָך איינגעשפּאַרט זיינען מיר יידן
און וואַנדערער אַלטע, געניטע...
דורך אַלע סכנות... פאַרשידן...
מיר זיינען אַרויס פון דער ליטע.

## כד

איך וועל וועגן מאָסקווע שווייגן
און גאָרניט דערציילן, באַמערקן...
איך פאָר קיין אָדעס איבערשטייגן
און שפּעטער מיט שיף צו די טערקן.
איך האַלט עפּעס טריי אויפן האַרצן,
די וויזע, די טייערע וויזע...
איך פאָר אויפן ים אויפן שוואַרצן,
איך גריזשע מיין פּייקע און גריזשע.
עס שוועבן די מעוועס און שרייען,
עס פרייט מיך אַזוי, וואָס זיי שוועבן,
אַז גאָט וויל אַ מענטשן באַפרייען,
איז שיין ווי זיין חסד דאָס לעבן.
איך וויל ערגעץ קומען און רוען
און הערן אַ שפּאַס, צי אַ לאַכן...
באַטראַכטן, וואָס אַנדערע טוען,
און אפשר אַליין עפּעס מאַכן.
אַ פאַליע ווערט גרוים און ווערט קלענער
אין אייביקן יאָג פון באַהעפטן...
איך טראַכט מיינע אָרעמע פּלענער
און גלויב אַזוי קנאַפּ מיינע קרעפטן.

## כה

גענעכטיקט אַ נאַכט אין בולגאַריען,
אין וואַרנע, אין פּאָרט, אין קאַיוטע.
דער ים איז געווען אין געפּאַרן,
די פּאַליעם אַזוי ווי ניט־גוטע.
די שיף איז אין פינצטער געשלאָפן
מיט אַלע געפּלאָנטע באַגלייטער,
עס זיינען געדאַנקען געלאָפן,
ווי קראָען אין פעלד אויף אַ טויטן.
איז פלוצלינג די וועלט מיט איר פּנים
אַרוים, ווי פון אָפּגרונט דעם טיפן :
מיליאָנען באַוואָפנטע שונאים
און טויזנטער, טויזנטער שיפן.
מיט מאָדנע האַרמאַטן גאָר גרויסע,
מיט ריזיקע, טאַנקישע חיות,
וואָס דאַרפן דאָס לעבן צעשטויסן
און ברענגען וואָס מערער לוויות.
זיי זיינען געקומען אַלץ נענטער,
געסאָפּעט מיט נאַפּטישן כוח...
און ווידער אַ לאַנד, אַ פאַרברענטע,
און ווידער טריאומף פון רוצח.

## כו

די שטאָלענע פייגל די שנעלע...
די שותפים, וואָס אַרבעטן אויבן,
זיי פּאָלגן שוין גוט די באַפעלן,
מען מעג שוין דעם טייוול היינט גלויבן.
זיי קומען, ווי טינערס, ווי ראָבן...
תליונים מיט קאַלטע נשמות —
זיי האָבן אויף אייביק באַגראָבן
דעם מענטשלעכן אַלטן רחמנות.
דעם שטורעם אַליין נענטער, דאָ... נעבן.
די פלאַמען ווי מילן צעפּאָכעט...
דאָס גייט אַליין אויף מיר, אויף מיין לעבן.
אויף מיר, אויף דעם שוצלאָזן יחיד.
איך האָב אין די רויטע געשפּענסטער
מיין גורל דעם לעצטן פאַרשטאַנען...
אין שיף איז געווען אַ פענצטער —
איך בין ביי דעם ראַנד שוין געשטאַנען.
דער ים האָט אַליין זיך געשלונגען,
געוואָנדלט די פאַליעס, געריי־פלט...
איך בין ניט אין וואַסער געשפּרונגען:
אין טויט האָב איך אויך שוין געצווייפלט.

## כז

דער טאָג איז געקומען מיט שטראַלן,
אַליין פון זיין זון־ליכט צופרידן,
אין איינעם פון אונדזערע זאַלן,
געזען האָב איך דאַווגען פיל יידן.
די שיף, זי איז טאַקע אַ רויטע,
נאָר ווײַם זיינען אַלע טליתים.
מען שאָקלט זיך איינער לעם צווייטן,
מען דאַוונט פאַר לעבן, פאַר מתים...
האָב איך זיך דערמאָנט די קאָשמאַרן,
וואָס שטיקן בײַנאַכט אין קאַיוטע
און איבערגעלעבט די געפאַרן
פון איצטיקע אַלע מאַרשרוטן,
האָב איך זיך איננאַנצן פאַרלאָרן
פון אָנרעג, פון עפּעס אַ ציטער...
איך ווײַן אויף די עלטערע יאָרן...
פון טרערן, ווי דאָס איז נישט ביטער.
גאַנץ הויך אויף דער שיף האָט געפלאַטערט
די פאָן פון די אַלע סאָוועטן...
די יידן פון וואַנדער געמאַטערט,
זיי האָבן נאָך העכער געבעטן...

## כח

אַ מיטיק, אַ קהלשער... באַשיידן,
מיר קלאַפּן מיט מעסער און גאָפּל...
מיר ריידן... עס ווילט זיך שוין ריידן,
מיר זיינען אין קאָנסטאַנטינאָפּל.
נאָר ניט פון די בלויע באָספאָרן
און ניט פון די אַלטע סולטאַנען,
מיר ריידן, אַז גוט איז געוואָרן:
דאָ קאָן מען פאַרזוכן באַנאַנען.
דאָ קאָן מען באַקומען אַן עפּל
און טערקישע, זיסע כאַלוואַיען...
דאָ קאָן מען שוין קויפן אַ קנעפּל,
אַ בגד אַפילו אַ נייעם...
געווען זיינען פיל קאָמיטעטן
מיט געלט און צו העלפן און ראַטן...
אַך! אפשר האָט גאָט זיי געבעטן
און אפשר דער „דזשאָינט" פון די שטאַטן.
מען האָט אונדז געגעבן האָטעלן,
און אַלץ, וואָס מיר דאַרפן און ווילן,
נאָר מערער פאַר אַלץ וואָלט איך וועלן
זיי דאַנקען פאַר פיינע געפילן.

## כט

מיר פאָרן דורך בערג... אַנאַטאָליען,
אַ גאַנצן מעת־לעת מיט די ריזן.
דער צוג מוז זיך האַלטן פּאַוואָליע:
דער כאַאָס האָט זיינע קאַפּריזן.
דאָ ווער איך אויפ׳סניי אַ באַזינגטער
פון פעלזן, וואָס שפּאַרן צום הימל...
אין טאָל ליגט אַ בוים אַ צעפליקטער
און פוילט מיט אַ מאָכיקן שימל.
איך האָב אַזאַ לוסט אַ כוונה,
אַוועקגיין אַריין אין די טאָלן.
אַ מקלט פאַר יעדע סכנה,
אַ האַרץ פון גראַניט... אַנאַטאָליען,
אַן אָדלער האָט לאַנגזאַם באַוועגט־זיך,
באַוויזן ווי שיין ער קאָן שוועבן.
איך בין אים מקנא... עס פרעגט זיך,
צי ער איז מקנא מיין לעבן?
די גרויסע נאַטור גיט הכנעה,
זי טרייסט אונדז, זי וועבט מעלאַנכאָליע.
נאָך שוויינגן, נאָך לאַנג־לאַנגע שעה׳ען
איך זעגן די בערג... אַנאַטאָליען...

ל

מיר זיינען דורך צופאַל געזעסן
אין עפּעס אַ ישוב אַדאַנאַ...
געפּעפּערטע שפּייזן געגעסן,
אַ וואָרט פון דער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען.
ציפּריסן און פּאַלמעס, מעטשעטן
געמישט מיט פיל קוימענס, פאַבריקן...
מיר ווערן דאָ גלייך צו פּאָעטן
און וואַרפן פאַרוואונדערטע בליקן.
מיר זיינען דאָך איצט ווי טוריסטן,
אַז אָך איז און וויי... איך פאַרלעסטער...
וואָס הערט זיך אין פּוילן, אין וויסטן ?
צי לעבט נאָך אין לאָדזש מיינס אַ שוועסטער ?
עס קומען די בייזע מינוטן
מיט אַנגסטלעכע פראַגעס און שרעקן,
דאָ ווערט מען ניט שנעל קיין מחותן,
דאָס קאָן מען מיט פרעמדס ניט פאַרדעקן.
וואָס זיינען מיר שיינע ציפּריסן ?
וועט פּאַלמע מיין אומרו דען היילן ?
איך בענק און איך וויל גאָרניט וויסן —
דער בוים איז מיר טייער פון פּוילן.

## לא

אין סיריע אַריין, אין אַלעפּאָ,
אויף גאַסן — אַראַבער — ישמעאל...
מיר וועלן זיך לאַנג שוין ניט שלעפּן,
מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל.
דער וועג איז ביז ביירוט — אַ וואונדער,
פון ביירוט נאָך שענער די טאָלן...
זאָל שיינקייט אונדז יעדן באַזונדער
פאַר ביטערע צרות באַצאָלן.
עס האָבן צוויי יידן געמיטלעך
געשמועסט, דערמאָנט זיך זכרונות,
און פּלוצלינג אין ריידן אין מיטן,
גענומען זיך קושן און וויינען...
איך בין ניט קיין ייד פון בית מדרש,
נאָר הייליק איז מיר יעדע תפילה,
און פרייען זיך יידן, איך רייד נישט,
איך פריי זיך מיט זיי, מיט מיין ווילן.
און איינער אַ בחור אַ יונגער,
מיט אויגן, וואָס זוכן און מאָנען,
איז ווידער פון אָרט אויפגעשפּרונגען :
ווען וועט מען שוין זען דעם לבנון ?

## לב

אַ רגע געשלאָפן, געדרעמלט,
געציילטע, געשמאַקע מינוטן...
דער עולם פון אונדזער געזעמל
טרייבט הויכע און דרייסטע דיספוטן.
זיי האָבן זיך נאָך ניט פאַרשטענדיקט,
און אפשר עד יבוא משיח...
דערווייל איז דער וועג שוין געענדיקט,
שוין גרענעץ, שוין דאָ דער משגיח.
מען עפנט די אַלטע וואַליזעס...
וואָס האָסטו דאָרט קבצן באַהאַלטן ?
אַ בריוול פון פוילן... וואָס איז עס ?
אַ וואַרעמען שאַליק, אַן אַלטן...
צעריסענע העמדער און הויזן...
מען וואַרפט דאָס דיר אַלעם פאַנאַנדער...
ווען וועסטו שוין הימל דערלייזן
פון אָרעמען, ביטערן וואַנדער ?
אַן ענגלענדער פאָרשט די פּאַספּאָרטן,
און האַלט אונדז פיל שעה'ען און שפּעטער...
פון אים ביז דעם דיכטער גאָלסוואָרטן,
איז אויך אַ מיליאָן קילאָמעטער...

## לג

געקומען באַגינען קיין חיפה
און פּלוצלינג אַלאַרם און שנעלער...
עס שרייט די סירענע, מיר לויפן
און גאָט זאָל אונדז העלפן... אין קעלער.
אַזוי גאָר — די זעלבע סכנה...
איך קוק זיך אַרום ווי אין גיהנום,
דאָך זאָג איך צו זיך אויף נאמנות ;
עס שרעקט מיך ניט מער די סירענע...
איך האָב שוין אין וואַרשע געציטערט,
אין קאָוונע אין ראָוונע — בלויז שרעקן,
עס האָט מיך שוין לוקאָוו דערשיטערט...
אויף מערער וועט שרעק שוין ניט קלעקן.
און לוקאָוו, אוי אָרעמע שטעטל !
דיין חורבן איז מיר פאַר די אויגן...
אַ הייזל, אַ שטול און אַ בעטל
און מענטש איז מיט דעם מיטגעפלויגן...
אַ גאַס אין דער לופטן געשפּרונגען
און דאָ אויף דער ערד זיך צעשאָטן...
אַ שטעטל פון פייער דערשלונגען,
און מענטשן אויף טויט אָפּגעבראָטן.

## לד

געזען האָב איך פֿאַרקאַן און װענטל,
באַשמירט מיט פֿריש־בלוטיקע פֿלעקן,
געזען אַ קלײן־קינדערשע הענטל...
געלעגן באַזונדער... צום שרעקן.
טאָ װאָס זאָל מיר װערן איצט טײער ?
און װאָס פֿאַר אַ טרײסט איז מיר נײטיק ?
אַרױס בין איך דעמאָלט פֿון פֿײער,
דאָס לעבן איז אָבער אײן װײטיק.
טאָ װאָס איז מײן טרײסט אױף דער עלטער ?
רבונו של עולם... דערבאַרעם !
שױן רואיק מען גײט שױן פֿון שעלטער,
אין גאַס איז פֿול־זוניק, איז װאַרעם.
מען שפּרײזט אין די נעצן פֿון שטראַלן,
מען האַנדלט, פֿאַרשײדענע בראַנזשן,
און װאו נאָר דײן אױג זאָל ניט פֿאַלן,
אָראַנזשן און װידער אָראַנזשן...
מען האָט עס אַ סך און טאָג־טעגלעך,
מען קוקט ניט אױף דעם, מען צעטרעט עס...
די עפּל... װען זײן װאָלט עס מעגלעך,
זײ כאַפּן און װאַרפֿן אין געטאָ...

## לה

פון חיפה א כביש, אַ מאַסיווער,
אַ ליכטיקער וועג און אַ ברייטער,
אויף גאַסן אַריין תל־אָביבער
מיט איינעם אַ פריינט, אַ באַגלייטער.
פאַראַן איז אַ ים דאָ און אָטעם,
אַ שטאָט מיט פאַרנעם, זיי צופרידן!
אַ שטאָט, וואָס איז ליב אין פיל פרטים —
געבויט און געהאַמערט פון יידן.
געקומען איז איינער פון תימן,
דער צווייטער פון ווין און פון דאַנציג,
פון ליטע, פון רוסישע היימען,
און שפּראַכן, אויף זיבער אַ צוואַנציק.
מיט לאַנגע געשיכטעס פון וואַנדער,
מיט טיפע לעגענדעס פון דויער...
איך גיי זיך מיט זיי ניט פאַנאַנדער,
אויף יידישע וועגן פון טרויער.
מיט קליידונג פון אַנדערע ראַסן,
מיט פרעמדע און איינענע לידער...
און יידן פון וואַרשעווער גאַסן...
מיט מזל, מיר זעען זיך ווידער.

## לו

געוועו זיינען נעכט פון לבנה,
ווען איך בין אַהערצו געקומען,
פאַרמייד איך דעם שלאָף מיט כוונה
און אפשר האָט שלאָף ניט גענומען.
עס האָט מיך געפאַנגען דער צויבער
פון וויים־ווייסע גאַסן און הייזער,
די פאָרהאַנגען וויים, אויך די שויבן,
און וואָס איז מײַן חלום אין שפּרייזן...
איך גיי מיט פאַרהאַלטענע שפּאַנען...
איך וויל די משפחות ניט וועקן...
דאָ פעלן נאָך שניי־ווייסע שוואַנען,
אַ טייכל מיט זילבערנע פלעקן...
דאָ פעלט נאָך אַ שטילע באַלאַדע
פון אייביקן ייד, פון מאַרטירער...
איך וואַך דאָ... איך בין זיך מתוודה —
עס בעט זיך אַ הייליקע שירה.
די אומות... אויף זייער געוויסן:
די קייטן אויף אונדז מיט די גזירות...
די קענינגן נאַכט זאָל עס וויסן:
דאָ שלאָפן פאַרמאַטערטע דורות...

## לז

צו מענטשן, צו זייערע קרייזן
ניט אַלעמאָל גייסטו מיט ווילן...
צום ים אָבער מוז איך זיך ווייזן
און זען ווי די וואַסערן שפּילן.
צום ים יעדן טאָג מיט די אויגן
אַריין אין די ענדלאָזע שליאַכן...
אַוועק איז מיין לעבן, פֿאַרפֿלויגן
נאָך ווייטער ווי אַלע מרחקים.
איך שלינג מיר דעם זאַלציקן ריח,
און קוק אויף די שוימיקע שלאַכטן,
דער ים האָט אין זיך אַזאַ כוח,
וואָס מאַכט מיר צו גאָרניט מיין טראַכטן.
דאָך קומען זכרונות — פֿאַרפֿאַלגער,
זיי קריכן אין האַרץ — ניט געבעטן...
אַ קנעכט איז מרוצה צו פֿאָלגן,
אַ מענטש קאָן זיין צער ניט פֿאַרגלעטן.
דער ים מאַכט מיר קליין מיט זיין גרויסקייט,
מאַכט נישטיק מיין צער און מיין וועזן,
דאָך לאָזט ער מיך טראַכטן אָן בייזקייט,
פֿון אַלץ וואָס געווען און געוועזן...

## לח

פאַראַן זיינען מענטשן אָן תּפילה,
וואָס קענען ניט דאַוונען און בעטן,
און זיי איז אַלץ איינס אין ניט־פילן,
אויף וועלכער שטיק ערד זיי באַטרעטן.
זיי וויסן קיין בלום ניט אין נאָמען,
אין אייגענעם לאַנד ווי אין פרעמדן,
זיי האָבן עס פיינט צו דערמאָנען,
זיי קענען בלויז זידלען און שענדן.
זיי ריידן מיט קאַלטער מליצה
און לאַכן פון טאַטן און מאַמען...
שטאָט ליבע, געשמאַק, אינטואיציע,
פאַרמאָגן זיי האַרבע פּראָגראַמען.
זיי האָבן נישט פיינט קאַמאַרילע
און חניפה... די קליינע דעספּאָטן...
און רויטע און ווייסע אפילו —
פון זעלביקן טייג אויסגעקנאָטן.
איך וויים ניט אַליין צוליב וועמען
געבראַכט האָב איך איצטער די ווערטער —
טאָ זאָל עס שוין בלייבן אָן נעמען...
דער טאָג זאָל ניט זיין קיין פאַרשטערטער.

## לט

איך שפּרייז אויף די ליכטיקע גאַסן,
איך גיי און איך ווייס ניט וואוהינען,
די בילדער פון גאַסן און מאַסן,
זיי זינגלען זיך אָפּ אין מיין זינען.
אַ תימנער קומט מיר אַנטקעגן,
ער בענטשט מיך און בעט אַ נדבה:
דאָרט זע איך דעם ים — מיין פאַרמעגן
דורך גאַס דאָרט, דורך „יונה הנביא”,
עס ציט ערגעץ רוען און דרעמלען
און ווייט זיין פון טאָג־סיטואַציע,
עס גייען דריי לאַנגזאַמע קעמלען
און וויגן זיך קאָמיש מיט גראַציע.
אַ יונגער אויסטראַליער, אַ גוטער,
ער כאַפּט נאָך אַ קינד פון אַ וועגל,
ער באָרגט זיך דאָס קינד ביי אַ מוטער
אַליין זיך צו שפּילן אַ רגע.
דאָס קינד איז ביי אים אויף די אַקסלען,
עס ציט זיך צוריק צו דער מאַמען,
די פרייד אויף דער גאַס דאַן צעוואַקסט זיך,
און מענטש איז מיט מענטש אַ צוזאַמען.

## מ

אין ארץ די זון איז מסוגל
אין רגעם דיין מוט צו דערהייבן,
דו ווייסט ניט, צי קלאָר, צי משוגע,
עס ווילט זיך אין אַלעמען גלייבן.
און גרייט ביסטו איצטער אויף שטותן,
וואָס פריער געווען איז אוממעגלעך
און טייער איז מענטש ביז צו קושן,
און ליב איז דיר אַלץ פון טאָג־טעגלעך.
די שוי־פענצטער קאָן איך ניט מיידן...
שוין בעסער קראַוואַטן צו וועבן,
שוין בעסער די העמדער פון זיידנס,
ווי מאָרדן מיט פייער דאָס לעבן.
נאָר פּלוצלינג... עס ווילט זיך שוין איילן,
דאָס האַרץ גיט אַ ברי און אַ ציטער,
די פויסטן, זיי נעמען זיך ביילן,
עס ווערט אַזוי גאַליק און ביטער :
ווער האָט עס געוואָגט צו פאַרשלימן,
אַ פאָלק אונטער צוימען און שטיינן ?
און מענטש זאָל ניט רוען און גאָט זאָל עס ווימן,
און געטאָ... ווער וועט עס פאַרשווייגן ?

## מא

די וועלט איז צעבראָכן אינגאַנצן,
דער טאָג איז צעשטאָכן אַ בלינדער,
עס טאַנצן די שדים... און טאַנצן
צעטרעטן זיי פרויען און קינדער...
אַ וועלט מיט פאַרהונגערטע שקלאַפן —
אַ וועלט אָן רחמנות און פליכטן...
די געטער, זיי האָבן באַשאַפן,
טאָ זאָלן זיי איצטער פאַרריכטן.
איך זיץ דאָ ביים ים, און פאַנטאַזיע
צעשפּילט זיך אין לופטיקן בויען:
פאַרוואָס זאָל מען דאָ ניט אין אַזיע,
פּרובירן דעם לעצטן נסיון?
דאָ זיינען דאָך געטער געקומען,
דאָ — אָנהייב פון אַלע קולטורן...
מען איז נאָך ביז איצטער פאַרנומען
אין גראָבן און זוכן די שפּורן.
טאָ זאָלן די געטער זיך ווייזן,
און זאָלן זיי געטלעך באַשליסן,
פאַרשמעלצן אין שטאָל און אין אייזן,
אַז מענטש דאָס איז פליכט און געוויסן.

## מב

פאַראַן איצט פיל וויכטיקע טעמעס
פון קריג און פון גיפטיקע שונאים...
איך שרעק זיך, איך זאָג דאָ דעם אמת,
צו קוקן דער וועלט אין איר פּנים...
דערפאַר גיי איך שטום זיך פאַנאַנדער
מיט טומל... וואָס קען איך דאָ גריסן?
אַ בליק אויף דעם שיינעם אָליאַנדער,
אַ בליק אויף די שוואַרצע ציפּריסן.
אַ ברכה פאַר די וועלכע בויען,
אַ קללה פאַר די וואָס צעשטערן...
איך קאָן אין אַ ליד זיך פאַרטרויען,
זאָל איינער מיר גלייבן און הערן...
איך שמייכל פון גאָלד און פאַרמעגן,
פון רייכע פאַרקרעמערטע קרעמער...
איך ליב דעם געוויינלעכן טרעגער —
זיין לאַסט וואָלט איך וועלן פאַרנעמען.
דער שוסטער, וואָס מאַכט זיינע שטיוול,
דעם שניידער מיט פאָדעם און נאָדל...
און זאָל מען ניט זיין אין פאַראיבל:
די זון איז מיין כוהן־הגדול...

## מג

איך קוק אויף דער פּאַלמע דער גרינער
און טראַכט פון דער ווייסער בעריאָזע...
ווי קאָן מען פאַרשטיין מיטן זינען
די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע ?
דער הימל פון דאַנענט דער בלויער,
די שפע פון ליכט אויף די וועגן...
פאַרוואָס־זשע פאַרגיי איך אין טרויער
נאָך אונדזערם אַ האַרבסטיקן רעגן ?
עס הייבט אָן צו פאַלן באַגינען,
מען קאָן ניט די וואָלקנס פאַרשטאָפּן...
עס טראָפּנט פון דעכער און רינעס,
פוןביימער מיט לאַנגזאַמע טראָפּנס...
אין צימער איז שווער פון דער ענגשאַפט,
אַרום איז בלויז פייכטקייט און שימל...
אָט דעמאָלט איז טייער די בענקשאַפט,
דאָס וואַרטן אויף זון און אויף הימל...
אַ שטראַל איז אַ גאַנצע מציאה,
ווען רעגן פאַרענדיקט זיך שפּעטער.
אַ פויגל באַווייזט שוין צו פליען,
אַ זשוקל — שפּאַצירט שוין אויף בלעטער.

## מד

די זון זאָל אונדז זיין איבער אַלעם,
זאָל ערגעץ קיין ליכט ניט פאַרפעלן,
זאָל מענטש נאָר פאַריאָגן דעם דלות
פון אַלע צעשאָקלטע שוועלן.
די וועלט פון די נויטן געריניקט,
באַזילבערט מיט שטראַלן מיליאַרדן,
די זון וועלכע וואַרעמט און איניקט,
די זון איבער ווייסל און ירדן.
דעם ווייסל, דעם ניט צו פאַרגעסן,
און קאַזשמיעזש ביי קריסטן און יידן,
דאָרט בין איך פיל זומערס געזעסן
אין קלייטלעך, ביי דבורהן ביי פרידן.
געקענט באַלאַבאַטים, קבצנים,
און פישערס און „בערעלע קאָזע".
אָ, קאַזשמיעזש! אַ קללה די שונאים,
וואָס מאַכט דאָרט מיין ווייסע בעריאָזע?
זי איז אויפן שייד־וועג געשטאַנען...
צוויי וועגן: „טשערניאַווע" און „דאָליע"
און ווייטער אַ טריט איז פאַראַנען
דער זאַמדיקער וועג צו אָפּאָליע!

## מה

מיין בוים איז געווען ווי אַ צייכן
פון עפּעס אַ נאָנטער אידיליע,
וואָס מענטש מוז דערגיין און דערגרייכן,
אויב ניט איז ניט ווירדיק זיין תפילה.
אויב זון איז פאַר אַלע פאַראַנען,
טאָר ברויט ניט פאַרפעלן פאַר קיינעם,
אויב שד איז אויף מענטש אויפגעשטאַנען,
מוז מענטש אים צעברעכן די ביינער.
מיין בוים האָט נעגרינט לעם אַ שטח,
וואו פעלד האָט געוויגט זיך מיט קאָרן,
דאָס האָט מיך צו בענקשאַפט פאַרקנעכטיקט,
דאָס איז אַ געוועב פון פיל יאָרן.
געוועבטע קאָלירן און קלאַנגען
אין לאַנד פון די שליאַכטישע סלאַוון,
דאָרט איז מיר די זון אויפגעגאַנגען
צוזאַמען מיט טוי אויף די סטאַוון.
דאָרט האָט מיך דער יידישער ניגון
פאַרכאַפּט מיט זיין ווייַ און נחמה
און פרואווט פון דעם שפּאַסן דער ליגנער —
דאַן רייסט ער מיר שטיקער נשמה...

## מו

מײַן בוים מיט די דינינקע צװײַגן,
װאָס פֿלעגן פֿון װינטל זיך װיגן...
געדאַכט האָט מיר אָפֿט, פֿון זײַן שװײַגן
דערגרײכט עס דער גלײבּיקער ניגון.
זײַן װײַסקײט — די קלײד פֿון די כּלות
מיט פֿאַסיקלעך טונקלע און זײמען,
דאָס פֿלעגט מיך דערמאָנען אַ טלית
און פֿרומקײט פֿון אונדזערע הײמען.
װען איך פֿלעג פֿאַרבײַגײן פֿאַרמאַטערט,
איז בוים מיר געשטאַנען אַנטקעגן,
די בלעטעלעך האָבן געפֿלאַטערט
און איך האָב געװאָלט עפּעס פֿרעגן.
ניט אײנער אַ בוים איז פֿאַראַנען
בײַ מיר אין מײַן אַלטן זכּרון,
צעבלעטערטע ברײטע קאַשטאַנען
און בײמער מיט גאָלדערנע קאָרע.
ניט קאַזשמיעזש אַלײן האָט געלײטערט
אין שװערע חדשים מײַן װעזן,
די װײסל... זי גײט דאָך פֿיל װײַטער,
ביז גער און ביז װאַרשע, גנעזן.

## מז

פאַריזש האָט געגעבן פאַרווײַלונג
און לאָנדאָן האָט אויך ניט געטריבן...
פון דעסטוועגן פלעג איך זיך אײַלן
און שנעלער אין וועג זיך געקליבן.
איך לויף צו די יידישע גאַסן
און וואָס איז מיט מײַן נאָוואָליפּיע ?
כאָטש אָפט פלעגט עס ווערן גרימאַסע
און איך האָב געביסן די ליפּן,
כאָטש אָפט מיט די צײַן פלעג איך קריצן
פון טומל, פון ענגשאַפט־האַרמידער...
פון דעסטוועגן דאָרט פלעג איך זיצן
און דאָרטן געזוכט מײַנע לידער...
און שטענדיק געגאַנגען מיט פלענער,
חלומות געהאַט און אידייען...
ווי מאַכט מען דאָ ליכטיקער, שענער ?
מיט וואָס זיי די מענטשן דערפרייען ?
און טעאַטער און חינוך און ספרים,
געבויט ביבליאָטעקן, געשטיגן...
און דאָרטן — די טײַערע קברים
אויף געגשער בית־עולם וואָס ליגן.

## מח

קאַמינסקאַ — פון טעאַטער די מאַמע,
ווער זאָל אסתר־רחלען ניט בענטשן ?
זי ליגט דאָרט אין מאַרמאָרנע ראַמען
אין אייביקן רו אויף דער גענשע.
ביז טרערן פלעגט מירעלע רירן,
כאָטש גאָרדין געמאַכט האָט אַ פעלער :
ער האָט אונדז דעם גרויסן שעקספּירן
דערלאַנגט אויף אַ יידישן טעלער.
די נוטע, די אַלטע אַקטיאָרן
מיט שטאַרקן פּאַרנעם, מיט אַ פּלעמל,
זיי האָבן אונדז יאָרן און יאָרן,
געגעבן אַ שטיק „קוני־לעמל״.
דאָך עולם צו זיי איז געגאַנגען,
און בראַוואָ געקלאַפּט און פאַרמאַטערט,
מען פלעגט פון די שפּילערס פאַרלאַנגען,
דער אמת זאָל זינגן... אין טעאַטער.
אין פראָסט און אין היציקן תמוז,
אין טעאַטער... אַהין פלעגט מען לויפן,
געווען איז אַ צייט פון שולמית,
מיט לידער פאַר וואַרשעווער הויפן.

## מט

צום יאָרצייט פון פּרץ פלעגט קומען
אַן עולם אַ גרויסער — פאַרערער —
דעם קבר פאַרדעקן מיט בלומען,
און אָפּגעבן כבוד דעם לערער...
פון איין זייט ליגט אַנסקי באַגראָבן
און דינעזאָן ליגט ביי דעם צווייטן,
— מיר האָבן דאָרט קברים, מיר האָבן —
זאָל אָנדענק באַלייכטן, באַגלייטן...
און נאָמבערג צווישן די שטיינער,
מצבות פון צער און פון כבוד,
קאַרלינסקי ליבהאַרציקער־ריינער,
און קאַסעל, זיין נאָמען איז דוד,
און הערשעלע, הערש דאַניליעוויטש,
מיט תמימות אין ליד און אין לעבן,
און ביינִיש פון „בונד" — מיכאַליעוויטש —
האָט יאָרן פאַר פליכט אָפּגעגעבן...

---

עס וועלן נאָך אויפשטייגן דיכטער
געלייטערט פון אונדזער עפּאָכע.
עס וועלן נאָך אויפשטייגן דיכטער,
עס וועט נאָך ווען פאַלן אַ ברכה.

# דאָרטן...

דעם נאָמען:
שמואל, אַרטור זיגעלבוים

I

אויף יידישע גאַסן אין וואַרשע
איז זונליכט ניט שטענדיק דערגאַנגען.
מען האָט דאָרט פיל שאָטנס געירשנט
פון דורות און גזרות געפאַנגען.
עס האָבן געקנוילט זיך די שאָטנס
אין הייזער אין רייכע, אין דלות,
אין פאַלדן פון שוואַרצע קאַפּאָטעס,
אין פּאָנעץ פון קעמפער, אין טלית.
נאָך יעדן „לחיים" פון לעבן
איז עפּעס פאַרבליבן אַ טרויער —
אַ רמז פון אַלטן פאַרשוועבן
און פון אַ ניט זיכערן דויער...
פונדעסטוועגן האָט מען נדנען
געזאַמלט פאַר לייטישע טעכטער.
מיט יחוס שטאָלצירט, ווי די פּאַנען...
פיל דורות... ניט אַלע קיין שלעכטע.
אויף שבת די פלייש, די פישן
און ליכטיקע חלות געבאַקן,
געזעצט זיך ביי כשרע טישן
און זמירות געזונגען געשמאַקע.

## II

פונדעסטוועגן האָט מען פאַרקערנט
אין פוילן די יידישע זיטן...
ישיבות געבויט און געלערנט,
אַז שמד זאָל ניט האָבן קיין שליטה...
אויף אַלע פיל טראַקטן געפאָרן
מיט האַנדל פאַר קבצן און רייכן
פון וואַרשע ביז דאַנציג, ביז טאָרן,
געמאָסטן דאָס לאַנד און די טייכן.
דער פריץ פאַרמאָגט פיל פאָלוואַרקן,
נאַר ווער איז אויף תבואה אַ מבין ?
דער פריץ פאַרברענגט אין די פאַרקן
און ווער וועט אים זייערן היוון ?
געלעבט האָבן עדהם פיל גרויסע —
געאַרבעט, געהאַנדלט, געדונגען...
אַ ביסל, ווי גאָט האָט געהייסן,
אַ ביסל, ווי מענטש האָט געצוואונגען,
געלעבט און געהאַט איינגעשפּאַרטקייט,
מיט פרומקייט... זיך גאָרניט צו שעמען:
פון הימל דאָס בעסטע צו וואַרטן,
פון מענטשן דאָס ערגסטע צו נעמען.

## III

פאַר מיר איז געווען דאָס דער עיקר,
דער עיקר, די יידישע גאַסן,
דאָס פינקלען פון יידישע בליקן,
די שפּראַך, דאָס געשריי און די שפּאַסן.
איך בין דאָ איעדנס מחותן
און אַלע צו מיר — מחותנים...
געקאָנט אַזוי לאַנגע מינוטן
באַטראַכטן אַ יידישן פּנים...
וואָס איז דאָס ? אַ ליבע, אַ ניינער ?
איך האָב נישט פאַרשטאַנען דאָס ריכטיק.
זיי טומלען... און איך בין אַ שווייגער,
דאָס איז מיר שוין איצט מער ניט וויכטיק...
דער עיקר : עס האָט מיך געצויגן,
געפּאָרשט דאָרטן זייערע זאָרגן,
דעם ערנסט פון זייערע אויגן
און אפשר דעם פּחד פאַר מאָרגן ?
געווען איז אויך פרייד און באַשיידן
געווען איז קבלהשע בענקשאַפט...
און שווער איז מיר איצטער צו ריידן
פון היים און פון היימישער ענגשאַפט...

## IV

דאָס ליכט און דער שאָטן פון דאָרטן,
אַ קראָם און אַן אָרעמע קרעמל...
די בענק ביי קראַשינסקען אין גאָרטן,
אַ שמועס אַמאָל, אַ געזעמל.
אַ חסידישע טאָכטער אַ שיינקייט
אַזש נאָס איז אונדז שענער געוואָרן...
עס בלייבן פון יענער אַליינקייט
געשטאַלטן אַ סך אין זכרון.
אַ ייד — אַזאַ וועגעלע־שלעפער,
אַ פּנים פון ש"ס אָפּגעריסן...
אַ גאָלדשמיד, אַ שוסטער, אַ שטעפּער,
וואָס איינער פון וואָס וויל געניסן.
געווען זיינען טויזנטער שילדן
אויף נאַלעווקעס און אויף דער גענשע,
געווען אַ יאַריד פאַר אַ גילדן,
געווען אויך פאַרמעגלעכע מענטשן.
געווען איז אַ ביסל געפּילדער...
פאַרפאַלן! פאַרשטיי און פאַרנעם עס!
ביי אַנדערע קומט עס פאָר מילדער:
מען קרעמערט זיך אוים דזשענטעלמעניש...

## V

אויף יידישע גאַסן... די אויגן,
זיי נעמען אַלֿץ אַנדערש אַרומעט...
עס האָט מיך דאָרט שטענדיק געצויגן
אַ מאָדנער געפֿילֿ און אַן אומעט.
פֿאַרגאַנגענהייט איז דאָרט געלֿעגן
פֿילֿ מער, ווי אויף אַנדערע גאַסן...
יאָ, עפּעס אַ צער ניט צו פֿרעגן
פֿון איצט און פֿון אַלֿטע גרימאַסן.
ניט איין מאָלֿ די זייטן צעריבן
אין ענגשאַפֿט, אין מחנות קאַפּאָטעס...
געוואָלֿט זיי נאָך מערער ווי לֿיבן,
צו לֿהכעיס די נאַרישע שפּאָטערס.
ביי פֿרומע, ניט־פֿרומע, ביי אַלֿע
געהאַט דאָרט מיין היים, מיינע שכנים
אין אונדזערע ענגע קוואַרטאַלֿן
מיט יידן און ווייטער מיט קיינעם.
געהאַט דאָרט די זעלֿבע ענינים
און קיינמאָלֿ פֿון זיי ניט געלֿאָפֿן,
געשריבן פֿאַר זיי פֿעלֿיעטאָנען,
נאָוועלֿן און לֿידער, פֿילֿ סטראָפֿן.

## VI

נעוועז זיינען גרופּעס, פּאַרטייען
מיט אַלע פּראָגראַמען און ריכטונג,
די דאָזיקע זאַכן פאַרגייען
און אָן זיי, צי מיט זיי — ניט וויכטיק.
נעוועז זיינען קלאַסן־פאַריינען
מיט שטרייקן, מיט שטראָף, מיט געריכטן,
פאַר יושר. פאַר בעסערע לוינען,
מען דאַרף דאָך פיל עוולות פאַרריכטן.
נעוועז זיינען אַרבעטער־יידן
אין אַלע פיל־ניצלעכע פאַכן,
סטאָלאַרעס און קירזשנער און שמידן !...
מען דאַרף עס דערמאָנען די זאַכן.
אין ביאַליסטאָק וועבערס און שפּינערס,
אין לאָדזש, אין די גרויסע פאַבריקן,
פון אַרבעט און פּראַצע פאַרדינערס,
פון וועבן, פון נופּען און שטריקן,
פיל טויזנטער יידישע טעכטער
ביי זאָקן און ביי טריקאָטאַזשן.
דאָס איז אונדזער קאָנטע פון נעכטן
און ניט פון חלומות־מיראַזשן...

## VII

דאָס חסידישע בשעזשין שיקט קלײדער
קײן ענגלאַנד און אַנדערע לענדער.
מען קאָן פון די פאַקטן באַשײדן,
פאַרשרײבן פיל צענדליקער בענדער.
אין קאַליש די פײנסטע גאַרדינען
און קרויזן און חופּה־װעלאָנען
מיט יידישע פינגער און זינען...
מען מוז אונדזער פראַצע דערמאָנען.
די לעדערנע בײטלען פאַר דאַמען,
די שענסטע ניואַנסן, מאָדעלן.
בורשטינען און בראָשן און קאַמען,
פולאָװערס, קראַװאַטן, פאָרטפעלן.
כאַלופּניקעס האָבן באַװיזן
צו לערנען גענוי די מעטאָדעס,
צו זעטיקן אַלע קאַפּריזן
פון אַלע משוגענע מאָדעס...
סאַנדאַלן און קונסט־פּאַראַסאָלן...
געאַרבעט בײ אַלץ האָבן יידן.
און שניצן און צײכענען און מאָלן,
דאָס לעבן איז זײער פאַרשידן.

## VIII

אויף ביידעמס, אין פינצטערן קעלער,
כאַלופּניקעס יונגע און אַלטע...
געאַרבעט וואָס שנעלער און שנעלער,
אַבי נאָר דעם גוף צו דערהאַלטן.
די טרעסטינער בערשטער, מעזריטשער,
פאַרדינער און טרינקער גאָר פּיינע...
אוי, ווי אונדז... וואָס טוען זיי איצטער
אין לאַנד פון די שרעקלעכסטע פּיינען ?
די פישער פון ראַיגראָד מיט נעצן
ביינאַכט אויפן וואַסער, באַגינען...
איך ווייס ניט, וואָס פריער צו שעצן,
וואָס פריער עס קומט אויפן זינען.
סאָקאָלקע און סקידעל און קריניק
מיט יידישע גאַרבערס אַ מענגע.
איך האָב שוין געהאַט אַזאַ מנהג
מיט זיי זיך צו זען און פאַרברענגען.
אַן ענין איז מיר דאָס געווען
און נחת האָט מיר עס געגעבן:
צו זיצן מיט זיי ביי אַ גלעזל
און אויסהערן מעשות פון לעבן.

IX

און וואַרשע... כאָטש דו ביסט קאַטויליש
און איך בין אַ ייד פון די קרעסן,
מיין וואַרשע... אַלט־סלאַוויש, אַלט־פּויליש —
דאָך קאָן דיך דער ייד ניט פאַרגעסן.
די ברייטע באַגרינטע אַלייען,
די אַלטע פּאַלאַצן געביידן.
צי ווער מען אין שותפות זיך פרייען ?
ווי איצטער אין שותפות דאָס ליידן...
די קלויסטערס מיט די דין־דינע גלאָקן,
דער זאַקסישער גאָרטן, די סעדער...
די קראַקאָווער פאָרשטאָט־באַראָקען,
דער שלאָס דאָרט, דער ווייסער בעלוועדער,
דער לאַנגזאַמער ווייסל דער ברייטער,
ווי שטאָלץ מאיעסטעטיש געפלאָסן.
דער שלאָס פון די קעניגס די טויטע,
פון שטענדיק געהיים און געשלאָסן...
אַן אָפּקלאַנג, אַן עכאָ אַ ווייטער
פון שופרות, וואָס שאַלן און שוועבן.
ווילאַנאָוו... און יאַגדן און רייטער,
און פריצים מיט פריצישן לעבן...

## X

דאָס אַלץ אָבער האָט ניט געפאַנגען,
ניט שאָפּען, ניט שאָפּענס נאָקטורן...
ניט יוליוש סלאָוואַצקים געזאַנגען...
מיר זיינען פאַרביי פיל קולטורן,
מיר האָבן דאָס אַלץ פאַרשטאַנען,
געפילט אין די אָונטס די בלייכע.
פאַראַן אָבער אויסער „אוי־דאַנאַ !״
אַ ניגון אַן אַלטער... אַן איכה.
פאַראַן זיינען פעדעס געאָדערט
אין בלוט און אין פלייש פון אַן אומה...
דאָס לאָזט ניט אַוועקגיין, דאָס פאָדערט,
דאָס רופט, ווי אַ מאַמע אַ פרומע.
איז דאָס ניט געווען דער עיקר
די רייכקייט פון יענע קוואַרטאַלן,
דער עיקר איז „גענשע״ און „דזשיקע״,
די ענגשאַפט, די בענקשאַפט, פאַרפאַלן.
איך האָב ניט געקענט מיט מיין לעבן
די ערטער באַפּוצן, באַשיינען.
איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבן
און ליבן אַזוי ווי זיי זיינען.

## XI

געווען אַ געמיש פון מאָדערן
מיט עלטער־פאַרעלטערטע זיטן...
ישובניקעס פעסטע ווי בערן
צווישן ווײַס־רוסלאַנד און ליטע.
פאָלעסיער ברייט־פּלייציקע יידן
מיט האָפּען מיט רייפן, מיט פעסלעך.
די פאַרביקע מערק, די יאַרידים...
ווי ווייט און ווי נאָנט אומפאַרגעסלעך,
און מאָטקע כאַבאַד, אָסטראָפּאָליער,
געבוירענע עכטע לצנים...
מען האָט אויך געוויינט און געקוואָלן
פון גרויסע מגידים, דרשנים.
בדחנים מיט גראַמען און לידלעך
פאַר בראָנפן אַ גלאָז און פאַרבייסן.
די יידישע קלעזמער... די פידלען,
זיי פלעגן דאָך הערצער צערייסן,
די יידישע קלעזמער... אָן לערער,
אָן נאָטן און אָן פּראָפעסאָרן —
זיי האָבן די קונסט זיך געלערנט
ביי אייגענע ביטערע יאָרן...

## XII

אַ פרייטאָג־צו־נאַכט, ביי די שטערן
שוועבט רו ווי אין זיידענע שטאָפן...
די קריסטן אַליין פלעגן ווערן
פון מנוחה באַהערשט פאַרן שלאָפן.
און שבת... די אייזערנע שטאַבעס,
די שלעסער אויף אַלע געוועלבער...
דער האָן מעג בלויז קרייען אום שבת
און מעקענען מעגן די קעלבער.
אַ יידישע וועלט ניט פאַנטאַסטיש
אין פוילן און ווייטער פון פוילן.
רבנים, רביים־דינאַסטיעס...
מען דאַרף עס ווימען דערציילן ?
בערדיטשעוו און קיעוו אַפילו...
אין דובנע, אין בראָד אין דעם אַלטן.
ישובים און שטעט — אַ מגילה,
וואו מיר האָבן שבת געהאַלטן...
ישובים און שטעט, ווי זיי הייסן
פון ווייסל ביז סאַן, ביזן דניעפּער...
געווען זיינען סוחרים גאָר גרויסע,
געווען זיינען אָרעמע טעפּער.

## XIII

די קרעטשמעס און די באַלעגאָלעס,
דער טרייסל פון די דיליזשאַנסן,
די וויצן דערבײ און די קללות
און כעלעמער מעשות־ניואַנסן.
ווי פאָלק אויסגעלאַכט האָט די צרות
אין צייטן פון גזרות פאַרנומען:
מיט ווערטלעך פון לעבן און גמרא
געטרייסט זיך און איבערגעקומען
אין שטעט און אין שטעטלעך פון לענדער,
אין ערטער פון ווייטקייט און ברייטקייט,
פיל צייטן, פיל דורות אָן ענדער —
מיר זיינען אַ פאָלק פון צעשפּרייטקייט,
מיר זיינען אין שוואַכקייט גבורים,
מיר זינגען ניט פריילעך און מונטער...
מיר גייען און פאַלן ניט כורעים,
מיר גייען... און גייען ניט אונטער.
מיר קנייטשן זיך איין אין אַן ערד־וואו,
מיט אונדזערע איינענע קנייטשן...
מיר טרייבן אַליין אונדזער פערדל,
מיר האַלטן אַליין דאָך די לייטשן.

## XIV

אין זעגמיל, אין נורעץ, לאסאסנע,
אין וואַלד ביאַלאָוויעזשער אין טיפן.
מבינים אויף דעמבע און סאָסנע
געיאָגט עס אויף פליטן און שיפן...
אין וועלדער אַריין און געשניטן
געהילץ פון פאַרשיידענע סאָרטן.
די זעג אויף מאַשין אויסגעביטן,
געאַרבעט פאַר גרויסע עקספאָרטן,
פון וואָרצלען געצאַפּט טערפּענטינען
און שוועמלעך אין זומער געקליבן,
געאַרבעט, ווי אַרבעטער־בינען
פון נויט און פון ווילן געטריבן.
דאָס האַרץ איז צו קליין צו פאַרכאַפּן,
דאָס אַלץ מיט אַמאָל צו דערמאָנען,
דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון קלאַפּן,
וואו זיינען די יידן... מיליאָנען ?
עס שוועבן, עס שוועבן געשטאַלטן,
עס שלעפן זיך שווערע געשפּאַנען.
אין זומער, אין ווינטער אין קאַלטן
און יידן אויף פורן און באַנען.

## XV

געווען אַ שטאָט לאָדזש, גרוי, פאַררויכערט
מיט קנוילן פון בוימוואָל און גאַרן.
מען האָט דאָרט געטומלט, געסוחרט,
געאַרבעט מיט פליים און דערפאַרונג.
דעם רויך האָבן אַלע געשאָלטן,
דעם פליים האָט ניט קיינער באַזונגען.
די אַרבעט, וואָס דאָרט האָט געגאָלטן,
האָט מען אין האַרץ איינגעשלונגען,
אַ וועלט מיט שעוויאָטן, קרעטאָנען,
אַ וועלט מיט געשפּין און מיט פאָדעם...
און פינעף און דרייסיק מיליאָנען
געהאַט האָבן וועש און בגדים.
פּאָזנאַנסקי ישראל און ווינער
און אָשר פון ווידזעוו דער גרעסטער,
פּיאָנערן פון שפּולע און שפּינען,
און בויער פון נייעם מאַנטשעסטער.
מיין טאַטע האָט אויך דאָרט געהאַנדלט
מיט וואָל און מיט וואָס איז געווען...
דערפאַר האָט דער זון אין זיין וואַנדל
געזוכט אין דער גרויקייט פּאָעזיע.

## XVI

און טאַקע אין לאָדזש אין די רויכן,
אין שטאָט פון די קוימענס און קוימען...
זינגט בראָדערזאָן משה דער בלייכער,
און טובים דער מייסטער פון ריימען,
און הירשענבערגס יידישע בילדער
אין לאָדזש זיי געזוכט די מאָדעלן...
און ברוינער, האַלב גאון, האַלב ווילדער,
פאַרשיכורט זיך מיט אַקוואַרעלן.
געקנאָטן האָט גליצענשטיין הענעך
אין לאָדזש זיינע גיפּסן־סקולפּטורן,
און שיק האָט געצייכנט אַלץ קלענער,
אַלץ קלענערע מיניאַטורן.
געהאַט האָט די שטאָט מעצענאַטן,
און נאָרניט קיין שלעכטע בורזשויען...
ווער ווייסט, ווי מען האָט זיי פאַרמאַטערט ?
ווער ווייס זיי, ווער ווייס, וואו זיי רוען ?
איך קאָן אַלץ ניט לויבן, ניט רימען
דאָס בעסערע, וואָס עס געדענקט זיך...
דאָך, מיין ווישעוויאַנסקי, מיין שמעון !
אוי, וויי מיר, וויי, ווי עס בענקט זיך...

## XVII

אין לעבן פֿאַראַן איז מיין חלק
און דאָס איז שוין מיינס און אינגאַנצן :
אין איינענעם שטיינער איז הייליק
די תפילה, דאָס ליד און דאָס טאַנצן.
די מעשענע לייכטער און פֿאַנען,
די לעדערנע אַלטע גמרות,
דאָס שראַנקל, וואָס איז וואו געשטאַנען
אין יאָרן פֿון נחת און צרות...
דער באָבעס אַלטמאָדישע קלײדער,
אַ טערקישע ברוינע פֿאַטשיילע.
מחזורים, הגדות צום סדר
און מצוות נאַאיווע און וואוילע.
אַ שנירעלע פערל אַ דינער
און ניט פֿאַר דערוואָכן, חלילה...
די באָבעשע פֿלעגט זיך פֿאַרגינען
די פערל בלויז יום־טוב... צו תפילה.
מען מעקט עס ניט אָפּ מיט אַ קרייטל,
מיט מאָדעס שאַבלאָנען, דרעסירטע...
אַן אַלטער פֿאַרשימלטער שייטל
רעדט מער ווי אַ קאָפּ אַ טלענירטער.

## XVIII

מײַן יוגנט... דער פראָסט אויף די שויבן,
געצייכנטע אײַז־דינע פּעכער...
און ווינטער און זומער מיט טויבן —
אַך! פליען מיט זיי איבער דעכער.
די טויבן, די שנעל קאַראַהאָדן,
געמישטע קאָלירן און פליגל...
אין הימל, אין רוים זיך געבאָדן
און פריילעך געגלאַנצט, ווי אין שפּיגל.
איך שטיי אויף דער ערד אַ געשמידטער,
איך פלי ניט, דאָך פליט מײַן נשמה...
פון פענצטערס... מען קוקט אויף מיר ביטער,
מען חוזקט אַרוים פון די קראָמען.
דאָך אַלץ איז מיר טייער מיט מענטשן
און טייער די גויאישע בלומען.
איך לעב מיט חלומות... אַך, ווען שוין
אַך! ווען וועט משיח שוין קומען.
אַ ייִד אויפן פעלד מיט אַ קעלבל,
אַ ייִד בײַ אַ פערד ביים געשפּאַנען,
אַ דבורה בײַ זיך אין געוועלבל —
פון דעם איז מײַן לאַנדשאַפט באַשטאַנען.

## XIX

פון פּולאַוו דער וועג איז פאַרצייכנט
מיט ביימער גיגאַנטישע זקנים.
דו גייסט און די ווייסל גייט אויכעט.
נאַטור און מער דאַרפסטו ניט קיינעם.
אין ערגעץ צו זען איז אין פלאַטער
אַזויפיל קאָלירטע מאָטילן,
דער וועג האָט מיך קיינמאָל געמאַטערט,
איך האָב צו די זאַכן מיין ווילן...
אין ערגעץ די רחבות פון גראָזן
פון ווילדע און ניט־ווילדע שפּראָצן,
וואָס מענטש האָט פון פוילקייט פאַרלאָזן,
געבליט האָט מיט אייגענעם רצון.
ווי פריילעך מיין אויג האָט געשלונגען
די פאַרבן, די רויטע, די בלויע...
געשפּרייזט האָט אַ ייד און געזונגען
אַ גוֹאישע ליד מיט הנאה...
פאַרוואָס האָט דער מאַמעס פאַרוויגן
געשראָקן מיט נאַכט און געוויטער ?
פאַרוואָס האָט דער טאַטע פאַרשווינגן
די וועלט פון קאַשטאַנעם צעבליטע ?

## XX

דיביימער מיט קאַלינעס רויטע
און עפּעס אַ פּרי — בערבערעס...
איך גיי און די ביימער באַגלייטן...
איך בין דאָ אַ שותּף, איך שווער עס.
עס איז מיר דאָ גוט אין באַגינען
און גוט איז מיר אין די פאַרנאַכטן.
איך וויל זיך דעם נחת פאַרגינען
און ווידער און ווידער באַטראַכטן:
די מיל דאָרט ביים דאָרף באכאטניצע
מיט וואַסער־גערויש, ווייסע שוימען...
טאָפּאָלן מיט ריזיקע שפּיצן,
אַ סאָד און אַ שפע פון פלוימען.
אַ סאָד און אַ שטרויענע בודע,
אַ ייד האַלט דעם סאָד קיין עין־הרע,
אַן עפּל מיט ברויט איז זיין סעודה,
און שפּעטער אַ בלעטל גמרא.
אַ ייד מיט אַ שטיק טלית־קטן,
אַ ניגון שוין עלטער פון דורות...
אין גרינעם האַלב־טאָגיקן שאָטן,
אין לאַנגזאַמען וואַקסן פון פירות.

## XXI

שוין קאַזשמיעזש... דער טורעם פאַרריסן
מיט רוקנס פון בערגלעך זינזאַנגן,
אָט באַלד וועט מען נעמען באַגריסן
און שטעטל אַרוים וועט מיט פראַגן.
פון איינעם אַ פענצטער קוקט ניבע,
זי איז מיר באַ׳חנ׳ט און געפעלן.
איך האָב דאָרט פריינדשאַפט אויף זיכער
אויף אַלע אַלט־מאָדישע שוועלן...
דאָך איצטער, איך מוז זיך פאַרהאַלטן
און אויסלעשן האַרץ און זכרון...
וואו זיינען די אַלע געשטאַלטן ?
און וואָס איז מיט יעדן געוואָרן ?
וואו וועווקעלע ? מיין באַלעגאָלע,
אַ יאַט פון די אמתע יאַטן...
געוואָלט, אַז איך זאָל אים באַצאָלן
מיט איינעם פון מיינע קראַוואַטן.
וואו משה דער ברייטער ? דער טרעגער...
גערעדט האָט ער ווייניק, בלויז וואָרקען :
„אַ מענטש באַדאַרף ברויט און געלעגער
און גוט איז אַ פעקל מאַכאָרקע״.

## XXII

ווי קאָן מען דעם צפון פאַרגלייכן
צום דרום צום הייסן און ווייטן ?
מען ליבט זיך אין בערג און אין טייכן,
מען ליבט די פאַרגאַנגענע צייטן.
פאַר איינעם איז בראָדוויי דאָס שענסטע,
דעם צווייטן איז ציילאָן געפעלן,
דער דריטער באַזינגט פון זיין פענצטער,
ווי דאָנאַי צעגיסט זיינע וועלן.
עס קאָן ווער ניט לעבן אָן פראַנקרייך,
און איינעם איז אונגאַרן נייטיק...
אַך ! לאָזט מיט דער וועלט מיר... איך דאַנק אייך,
איך בענק נאָך מיין קאַזשמיעזש ביז ווייטיק.
איך האָב ניט געהאַט קיין פּאַלאַצן,
קיין סאַמעט, קיין זייד, גאָבעלינען,
ווער קען עס פאַרשטיין און דערשאַצן,
וואָס עמיצן שימערט אין זינען ?
איך בענק און איך וואָלט עס נאָך וועלן
צו זען מיינס אַ פּאַרקאַן, אַ ברעטל...
און באָבעס, וואָס זיצן אויף שוועלן
אַ שבת־פאַרנאַכט אינעם שטעטל...

## XXIII

איך ווייס ניט... ניט פריער, ניט איצטער,
וואָס דאָרטן געווען איז מער טייער?
זאַבלודאָווער שול די געשניצטע,
צי ערגעץ אַ הילצערנער שייער?
ישובניקעס־פּאַכטער, די אַלע
פון דערפער און דערפעלעך קליינע...
די לאה, די ערשטע מיין כלה,
צי גאָר די אַנטאָשאַ די שיינע?
די רוטע, די קלאַרא־אַקטריסע,
און אפשר די בלאָנדע אַניעלא?
איך ווייס ניט... איך דאַרף עס ניט וויסן:
מיט טונקעלע אויגן, צי העלע?
דאָך פול איבערפולט איז זכרון
מיט נעכטיקע פאַרבן און קלאַנגען...
געווען איז אַ יונגט מיט יאָרן,
געווען איז אַ האַרץ מיט פאַרלאַנגען.
די קרובים, וואָס זיינען פאַרבליבן,
די קברים פון טאַטן און מאַמען...
געדענקען באַדאַרף מען און ליבן
דעם נעכטן מיט אַלעם צוזאַמען.

## XXIV

געמאַטערט האָט אָפּטמאָל די שנאה...
איז נאָך אַ קאַפּיטעלע תהילים,
און וואו איז געווען אַ מדינה,
אַ לאַנד אָן אַ פינצטערן בלעם.
אַריין זיינען מיר דורך פיל דורות
אין לאַנדשאַפט פאַרוואָרצלט אין טיפן —
מיט אונדזערע שולן, מנורות,
מיט בגד, מיט שפּראַך, מיט באַגריפן,
געשוועבט האָבן דאָרטן פּאָלאָנעזן
אויך אונדזערם געשוועבט האָט אַ ניגון...
אַמאָל איז געווען און געוועזן...
די שנאה האָט זיך איבערשטיגן.
דורך פעלדער און וועלדער און טראַקטן,
דער ריח פון ערד איז ווי אייגנס,
מען וועט נאָך דעם אמת מיט פאַקטן
אויף פאַרמעט באַשרייבן, אויף בויגנס.
מיר האָבן נאָך האַרץ און זכרון,
מיר האָבן נאָך פיל צו דערציילן,
מיר בירגער פון ניינהונדערט יאָרן,
מיר יידישע יידן פון פוילן.

## XXV

איך בין ניט באַרופן צו געבן
מיין פאָלק און מיין אָפּשטאַם קיין סמיכות.
אַך ! פריער פאַר אַלץ איז דאָס לעבן,
און לעבן אַליין איז שוין יחוס.
מיר האָבן די ערשטע דעם קין
פאַרשאָלטן אויף תמיד, אויף אייביק. —
און זיי האָבן איצטער פון קין
געמאַכט אַ פאַרשאָלטענעם גלויבן.
דער מענטש מיט נשמה און שכל,
דער ערלעכער מענטש און דער גוטער,
אַ קינד און אַ קינדערישער שמייכל,
אַ קינד אויף דעם שויס פון אַ מוטער.
דאָס לעבן מיט בוים און מיט בלומען,
מיט רעגן־דערפרישונג און שטראַלן,
דאָס לעבן מיט אַרבעט פאַרנומען,
מיט נוצן פאַר זיך און פאַר אַלע.
ווער האָט עס געוואַגט זיך צו שפּילן
מיט גאָט און מיט מענטש, מיט געשיכטע ?
אַזויפיל פאַרלאַנגען און ווילן,
ווער האָט עס געוואַגט צו פאַרניכטן ?

## XXVI

צענגראָבן אין וואַרשע די גאַסן,
די הייזער צעשמעטערט, צעשאָסן.
נישטאָ שוין אין שטאָט מער קיין וואַסער,
נאָר בלוט האָט ווי וואַסער געפלאָסן.
די הויפּטשטאָט געשטעלט זיך פאַר פּוילן
און קרבן געפאָדערט, געפּריידיקט...
מען וועט נאָך דערציילן, דערציילן,
ווי וואַרשע האָט וואַרשע פאַרטיידיקט.
פיל צוימען פון אייזן, בעטאָנען...
פון מוט און פון גלויבן, פיל כוח,
אַליין זיך געגרייט פאַר קרבנות,
אַליין זיך געשטעלט דעם מזבח...
די וואַרשעווער האָבן געגעבן,
אַ טיפּן, אַ בלוטיקן סימן
פאַר צוקונפט, פאַר שטאָלץ און פאַר לעבן...
מען וועט זיי באַזינגען און רימען.
עס זיינען גבורים ווי ריזן
געבוירן געוואָרן אין פייער...
די וואַרשעווער האָבן באַוויזן,
ווי פרייהייט איז הייליק און טייער...

## XXVII

פון פייער און כּוח באַלאַגערט,
דער שונא וועט זיינס שוין גענים...
פון זיג ניט געוועז שוין קיין פראַגע,
געוועז איז בלויז טאַט פון געווים.
דער שד מיט מיליאָנען פיל קוילן...
די וואַרשע, זי איז שוין אין קייטן...
דער שד האָט געלערנט די גרוילן,
מיט חכמה שטודירט, ווי צו טייטן...
דריי וואָכן, דריי העלדישע וואָכן,
פון לעבן ביז שטאַרבן — סעקונדן...
פון קעלער צו קעלער געקראָכן,
און דאָרטן אויף אייביק פאַרשוואונדן...
פאַרטויבטע פון בליי ביז חלשות,
פאַרוואונדעטע פול ווי געשפּענסטער...
עס האָבן זיך לעבנס געלאָשן,
ווי ליכט אין אַן אָפּענעם פענצטער.
די נאַכט, ווי דער טאָג איז שוין העלער
פון שׂרפות, וואָס ווערן ניט קלענער,
פלאַם־פייער... און אין די שפּיטעלער
געברענט האָבן קראַנקע, ווי שפּענער...

## XXVIII

אַ ביסעלע וואַסער צו קריגן,
פאַר קינדער, פאַר עופּהלעך, ברעקלעך,
באַנדאַזשן פאַר די, וועלכע ליגן,
פאַרוואונדעט און יאָמערן שרעקלעך.
אויף גאַסן אין וואַרשעווער הויפן,
איז לעבן אַליין שוין אַ גבורה...
און ראַטעווען יענעם און לויפן,
און ברענגען די מתים צו קבורה
אין יעניקע טעג פון פאַרוויסטן,
אין ראַנגל מיט הונגער און פלאַמען,
באַווייזן די יידן און קריסטן,
ווי שטאַרק מען קען לײדן צוזאַמען.
די זעלביקע ביקסן, גראַנאַטן...
די זעלביקע פאַרצאָרנטע אויגן...
אין טויט פון די זעלבע האַרמאַטן...
דאָס האָט זיך דריי וואָכן געצויגן.
צווישן די מענטשן, די דרייסטע,
געווען איז איין שוויינינקער ווילן ;
פאַרשפּילן... דאָך מוטיק, באַגייסטערט...
פאַרשפּילן... דאָך בלוטיק פאַרשפּילן...

## XXIX

סטאַזשינסקי, זאַרעמבאַ און געפּנער...
געדענקט זיי, די ליכטיקע נעמען!
דערמאָנט טשערניאַקאָוון וואָס עפּטער,
ביז האַרץ זאָל פון צער זיך פאַרקלעמען.
דער רבי פּיאַסעטשנער, שאַפּיראָ,
און אַנדערע ריינע געשטאַלטן.
און גוזשיק, דער דזשיאָנטישער פירער,
ווי ווירדיק מען האָט זיך געהאַלטן.
דער חבר אַרטור, דאָס איז שמואל,
יאָ, זינגלבוים שמואל. זיין נאָמען,
אין וואַרשעווער טעג פון עינויים
און שוידער פון גאַסן־מלחמה
געהאָלפן וואו־ווער האָט געבלוטיקט,
געהאָלפן די גאַס צו באַשפּייזן,
געוועזן אומעטום און געמוטיקט
און וויפל אַ מענטש קען באַווייזן.
און וואַרשע אין וויסטע רואינען...
איז וואַרשע פאַרבליבן אין גרויסקייט,
צו להכעיס דעם טייוולס־באַדינערס,
צו להכעיס טייוולאָנישער בייזקייט.

## XXX

און ערגעץ וואו ווײַטער אַ ביסל
פֿאַרבט יעשען מיט גאָלד זײַנע בלעטער...
און טײַך האָט זײַן רואיקן פֿליסן
ניט איבערגעריסן ביז שפּעטער.
און הימל... צעווישן שראַפֿנעלן
האָט זילבערנער שפּינוועבס געציטערט,
דעם האַרבסט איז אַזוי דאָס געפֿעלן
דעם מענטשן צערײַצן פֿאַרביטערט.
דרײַ וואָכן אין מאָרד און יסורים,
דרײַ וואָכן אין גרויזאַמען שעכטן,
דרײַ וואָכן אין פֿײַער און שטורעם...
דאָס גילט נאָך, דאָס איז ניט קיין נעכטן.
דאָס וועט זיך נאָך הילכיק צעזינגען
אין שפּעטיקע דורות מיט גלויבן...
אויב מענטש וועט אַליין זיך באַצווינגען
דעם מענטשלעכן שטאָלץ צו דערהייבן.
פֿאַר יענע פֿאַרבלוטיקטע ערטער
איז וואָרט ניט דערוואַקסן, באַשיידן...
טאָ לאָמיר איצט לאָזן די ווערטער,
און בוינגן די קעפּ און ניט ריידן.

## XXXI

דערנאָך, ווען די שטאָט איז צעשמעטערט
אַריבער צו פינצטערע האָרדעס,
צו רוצחים, צו מענטשן־פאַררעטערס,
וואָס ליבן זיך שטענדיק אין מאָרדן,
דערנאָך איז די געטאָ געקומען,
דערנאָך איז דער הונגער באַפאַלן,
דערנאָך האָט דער טיפוס פאַרנומען,
די יידישע ענגע קוואַרטאַלן,
דערנאָך לויפן יאוש־ידיעות,
און שטענדיק אין גרעסערע דאָזן,
די זון ווערט אונדז פינצטער און מיאוס,
און זאָל אונדז דאָס לעבן שוין לאָזן.
איך טרייסט זיך נאָך אָפטמאָל, איך מוז עס,
איך טרייסט אויך אַ צווייטן, אַ דריטן,
דאָך שווער צו געפינען אילוזיעס,
מיר האָבן שוין צופיל געליטן.
איך קוק אויף דעם ליכטיקן גאָרטן,
אויף פאַלם און אויף זאַפטיקע פירות...
דאָך איצטער דער חורבן פון דאָרטן...
איז ווידער אַ קלאָגליד אויף צרות...

## XXXII

מען איז פון דער וואַרשע געלאָפן
דורך אַלע סכנות און וועגן,
געלאָפן אַלץ ווייטער צום צפון...
מען איז אין די שנייען געלעגן.
פון הונגער און קעלטן געשוואָלן...
פון ווינט און פון מערדער געשלאָגן...
איך האָב אין די ווילנער שפּיטאָלן
געזען פיל אַ מענטש קאָן פאַרטראָגן,
פון וואַרשע און יעטווידער שטעטל,
צופוסנס ביז כאַרקאָוו, ביז סומאַ...
צי גאָט וועט שוין לעזן דאָס צעטל
פון אַלע קרבנות, די שטומע ?
פאַר מענטשן פאַרמאַטערטע, מידע,
געוועזן זיינען גרענעצן שווערע,
געוועזן איז אַ שטעטעלע לידע
אוי, ווי... וויפל בלוטיקע טרערן !
געוועזן זיינען גרענעצן־שטעלן
מיט זומפּן, מיט פינצטערע נאָרעס...
דאָך איינער אַ גרענעץ וועט פעלן,
אַ גרענעץ צו אונדזערע צרות...

## XXXIII

וואו זיינען אונדז פריינט ניט געשטאָרבן ?
אין טאַיגעס, אין לאַגערן וויסטע...
פאַר וואָס און פאַר וועמען דער קרבן ?
מיין דור, מיין געפּלאָגטער... וואו ביסטו ?
דער ווינט האָט אין קאַלטע מעת־לעתן
באַווײנט זיי, די פּליטים, ביים לעבן,
דער ווינט ווייסט די לעצטע אַדרעסן,
און האָט זיי ניט וועמען צו געבן...
צי קאָן מען זיי אַלע דערמאָנען ?
עס פעלן פיל מענער, פיל ווייבער,
עס פעלן רבנים, דיינים,
פיל מוזיקער, מאָלער און שרייבער.
עס פעלט אונדז דער קול פון דער מחנה,
די כנסת, די קרובים, די שכנים.
נישטאָ מער קיין ציל און קיין תכלית,
ווען פאָלק איז מיט אונדז ניט אינאיינעם...
דער דיכטער אין ליד און דערשיינען,
ער איז ווי ביים לעבן באַגראָבן...
ער האָט ניט קיין וואָרט פאַר די פיינען
און וועט אים שוין קיינמאָל ניט האָבן.

## XXXIV

דערמאָנט זיי מיט קללות די יענע,
וואָס שאַרפן דעם מעסער און שאַרפן,
זיי וואַרפן אונדז שטענדיק אין גיהנום,
ווייל עמיצן מוזן זיי וואַרפן...
מיר גיבן זיך יידן אַ נדר,
זיך ניט צו פאַרענטפערן מערער,
נאָר שילטן און שילטן כסדר
פאַר בלוט און פאַר בלוטיקע טרערן.
פון אַלע דיאַלעקטן און שפּראַכן,
די ווערטער די גוטע פאַרניכטן,
די ווערטער פון פרייד און פון לאַכן,
די ווערטער פון זינגען און דיכטן.
בלויז לאָזן „רשעים" און „פּראים",
בלויז חניפה און געטשן־באַדינערס
און אַלערליי משוגעים.
פון אייביקע ניט־קיין־פאַרגינערס,
פון אַלע דיאַלעקטן און שפּראַכן,
די קללות בלויז זאַמלען, די קללות...
און שילטן, אַז וועלט זאָל פאַרקראַכן,
אין טויטלעכע שוואַרצע מפּלות...

## XXXV

מיין אומה... איך בין דאָך מרוצה
אויף קרבן, אָן טראַכטן, אָן פרעגן...
איך ווייס ניט מיט וואָס צו באַפּוצן
דעם וועג פון די בלוטיקסטע וועגן.
כאָטש רייס מיט די נעגל די שטיינער,
כאָטש קריך אויף די ווענט מיט געשרייען...
דער הימל, ער בלייבט דאָך אַ ריינער,
און ווייס זיינען ערגעץ די שנייען.
איך וויל דאָ קיין זכיות ניט זוכן
פאַר איינענע בלוט און נשמה...
איך וואָלט אָבער וועלן פאַרזוכן
דעם אמתן טעם פון נקמה.
מען וועט אונדזער אומגליק פאַרטושן
מיט פראַזן מיט גוט־רייד ביז לעסטער...
פאַרשמינקעווען וועט מען די בושה...
און גלייכהייט... און ברידער און שוועסטער,
ווי צאַרט איז דעם מענטשנס מעלאָדיע,
ווי פיין אויסגעפיילט די געפילן,
עלעגיש און פּאַטאָס און אָדע...
דאָך ערלעך איז הינטישער בילן.

## XXXVI

פאָעטן פון צייטן און דענקער,
ווי שרעקלעך דאָס איז און ווי זיכער:
איין דייטש, איין משוגענער הענקער
איז שטאַרקער פאַר טויזנטער ביכער...
פיל תּפילות מען האָט אויסגעדאַוונט,
פיל טאָוולען מיט מענטש־רעכט פאַרשריבן,
פיל לידער, סאָנעטן, אָקטאַוון...
און וואָס פון דעם אַלץ איז פאַרבליבן?
געשענדעט, געלעסטערט די שכינה
מיט פוסטן און פסולן שרייען...
די קאַבראַ ווערט מילד פון נגינה,
דער מענטש בלייבט מיט מאָצאַרט אַ חיה...
סאָקראַטעס, טאָלסטאָי מיט נשמה
געטאַדלט, גערופן, געבעטן...
עס גייט אויך אויף זיי די נקמה,
מען וועט זיי די קברים צעטרעטן.
די אַלע, וואָס האָבן בטחון
געלייגט אויף אַ שענערן לעבן...
פאַרשילט זיי, פאַרשילט אַלע ברכות,
וואָס איר האָט דעם מענטשן געגעבן...

## XXXVII

איך בין אַ פֿאַרשאָלטענער דיכטער,
ווייל קללות באַגלייטן די לידער,
די קללות פֿון אונדזער געשיכטע,
אַ דור און אַ חורבן שוין ווידער.
מיר וויסן נאָך גאָרנישט אין אימה,
וואָס מיר האָבן איצטער פֿאַרלאָרן...
אין שוואַרצע, פֿאַרלאָשענע תהומען
אַריין זיינען דורות און יאָרן.
דער מענטש איז אין שעכטהויז געפֿאַנגען,
מען שעכט מיט נייעסטע מאַשינען...
ער איז שוין ניט מער פֿאַר געזאַנגען,
דער מענטש מיט משוגענעם זינען.
די בלום, זי פֿאַרוועלקט פֿון זיין שפּרייזן,
דער בוים פֿון זיין נאָנטקייט נעמט דאַרן,
און וואו נאָר ער זאָל זיך באַווייזן,
איז אָנזאָג פֿון טויט און געפֿאַרן.
אַפֿילו דער ווינטיקער שטורעם
פֿאַרקירעוועט שנעל מיט יללה...
איך האָב ניט אין מיינע יסורים
איך האָב ניט די אמתע קללה...

## XXXVIII

דער טאָג דײַנער איז ווי אַ תּליה,
דער טאָג איז דײַן תּליון דער בײַזער,
דו ווערגסט זיך און צאַפּלסט ביז שקיעה
און נאַכט איז אַ קורצע דערלייזונג.
מען לעבט נאָך... פֿאַרפֿלוכט, ווי מיר זײַנען,
נאָר האַרץ איז צעריסן, צעשונדן.
מען לעבט... און די שטערן זיי שײַנען.
פֿאַר וועמען האָט גאָט זיי געצונדן ?
פֿאַר מײַנע פֿאַרמאַטערטע בליקן,
וואָס קאָנען די וועלט ניט פֿאַרנעמען,
פֿאַר מײַנע יסורים, פֿאַר חניקה...
פֿאַר וועמען די שײנקייט, פֿאַר וועמען ?
פֿאַר וועמען דער הייליקער ציטער ?
דאָס שווײַגן צעווישן די שטערן,
פֿאַרוואָס זאָל ניט זײַן אַ געוויטער ?
פֿאַרוואָס זאָל אַ מבול ניט ווערן ?
פֿאַרוואָס זאָל נאַטור מיט איר כּוח
ניט אויסוואָרצלען מענטש ביז די שטאַמען,
אַז בלײַבן זאָל תּוהו ובֿוהו...
בלויז שטיינער, בלויז פֿעלז און בלויז ימען.

## XXXIX

ידיעות... עס קומען ידיעות...
מיר גלייבן און ווילן ניט גלייבן.
דער תליון איז פריי פון מניעות.
ער אָטעמט מיט מאָרד און מיט רויבן.
ידיעות... אַ בליץ און אַ ציטער,
פון בליץ ווערן אָפן פיל קברים...
ווען מענטש האָט דעם קיום פאַרביטערט
און גלייך זיך געמאַכט צו אַ וואָרעם.
ידיעות... שוין בלוטיק און בלוט,
מיר לעבן און לעבן דאָס איבער,
מען קוילעט אַ פאָלק אוים, מען קוילעט...
מיר לעבן... און טויט איז נאָך ליבער.
וואו וועלט פון געדאנק און פאָעטן ?
וואו הימל... וואו האַרץ און נשמה ?
מיר ווערן געטרייסט און געבעטן,
צו וואַרטן ביז נאָך דער מלחמה.
אוי, ווי צו דעם ייד און זיין ווילן,
אוי, ווי צו די טרייסטן און גנאָדן.
די וועלט האָט באַגריפן, געפילן,
און היטלער האָט טייטונגס־מעטאָדן...

## XL

ידיעות... מלחמה... און ראַדיאָ...
מען רעדט וועגן שטעט פיל צעשטערטע.
מען פּלאָנט אים, דעם שונא, מען יאַדעט
מיט טונים און אויך מיט ביזערטע.
מען רעדט וועגן וועלטן און ימען,
און זעלנער מיליאָנען, מיליאָנען...
מען זעט זיי די ריזיקע פלאַמען,
מען הערט זיי די שטאַרקע קאַנאָנען.
עס שווימען די גרויסע קאָנוואָיען
מיט אַלע פיל מינים געווערן...
געזען האָט ניט וועלט אַזאַ בויען,
ניט געזען אַזאַ ווילדן צעשטערן.
פון רוסלאַנד, ביז רור, ביז ציפּריסן,
פון מונדאַ ביז רוים, ביז מעסינאַ,
מען גיט אונדז כסדר צו וויסן,
ווי זיכער עס איז דאָס געווינען...
אָריאָל איז שוין אויכעט פאַרנומען.
פאַרנומען די שיינע קאַטאַניע...
דאַצו... ווען איך וואָלט נאָך באַקומען
בריוו פון מיין שוועסטער, פון פאַניען...

## XLI

מיט אונדזערע קרובים, די בעסטע,
געוואָרן איז שטיל און פאַרדעכטיק...
מיליאָנען... און ברידער און שוועסטער,
צי דען בלויז פאַרשקלאַפט און פאַרקנעכטעט ?
צי דען בלויז פאַרשלאָסן אין געטאָ ?
מיט צוימען פאַררינגלט, ווי חיות ?
די פענצטער פאַרפינצטערט מיט ברעטער...
צי דען בלויז די טיפוס־לוויות ?
צי דען בלויז אין קאַטאָרזשנער פראַצע ?
טאָג־טעגלעך אין הונגער און שאַנדע,
צי תפיסה בלויז און קאָנצענטראַציע ?
צי נאָך עפּעס, נאָך עפּעס אַנדערש ?
וואָס טוט זיך אין פּוילן ? אין וואַרשע ?
שוין אָפּגעבליט זיינען די בעזן...
דאָרט רויטלען זיך איצטער די קאַרשן...
נאַטור איז אַזוי, ווי געוועזן.
דאָך וועלט, זייט וועלט איז געוואָרן,
ניט געוועזן אַזאַ שרעק צו דערמאָנען...
מיר הערן דאָך גאָרניט... פאַרלאָרן,
פאַרלאָרן — דער קול פון מיליאָנען...

## XLII

איך זוך, און איך וויל זיך פאַרשאַפן
אַ בילד פון צעשמעטערטן נעכטן.
אַ מאָלעכץ, צי אַ פאָטאָגראַפיע
פון אונדזערס אַ שול אַ פאַרשוועכטער.
איך וויל זיך כסדר דערמאָנען
די גאַסן פון דאָרטן, די שוועלן...
ווער וועט מיך מיט עפּעס באַלוינען ?
און וואָס זאָל שוין איצטער געפעלן ?
מוזיק איז אַזוי, ווי אַ מעסער,
קאָלירן ? בלויז פינצטערע, גרויע,
עס וואַקסט אין מיר גרעסער און גרעסער
די קללה פאַר יעדער הנאה...
איך וועל זיך מיט גאָר שוין ניט גרויסן.
וואָס כבוד פון ליד און פון ספרים ?
אַך ! סעדער פון דאַנענט, פרדסים.
איך זע בלויז פון דאָרטן די קברים.
אַ דור איז מיר דאָרטן פאַרבליבן,
איך פיל נאָך דעם אָטעם פון ווייטן...
איך זע זיי מיט צער און מיט ליבע
און וואָס וועט מיך איצטער פאַרבייטן ?

## XLIII

איך זע זיי געציילטע, יחידים.
איך זע זיי אין גרעסערע צאָלן.
איך זע זיי אויף מערק און יאַרידים
אין אונדזערע שטעטלעך און טאָלן.
איך זע זיי אויף שטאָטישע גאַסן
מיט אימפּעט פאַריאָגט און פאַרשמייעט,
איך זע זיי אין שווייגן, געלאַסן,
אין לאַנגזאַמע טריט פון לוויות.
איך זע, ווי זיי גייען צו תפילה
אין ליכטיקע טעג און אין שוואַרצע...
און איך אַ ניט־דאַוונער אַפילו,
איך האָב פאַר זיי כבוד אין האַרצן.
איך זע זיי... און דאַן ווען זיי שוועבן
אין מחנות פאַר מיר און געשטאַלטן...
דאַן האָב איך די טעג פון מיין לעבן
און האַרץ האָט זיך וואו צו באַהאַלטן.
וואָס איז דען אַ טראָפּן אָן טייכל ?
וואָס איז דען אַ בלאַט אָן די צווייגן ?
ווי זאָל איך מיין גורל פאַרגלייכן ?
ווי זאָל איך פאַרשרייען מיין שווייגן ?

## XLIV

איך זע זיי מיט בערד שוואַרצע, גרויע,
איך זע זיי מיט פּנימער גלאַטע...
אין קלויז אויף אסיפות פיל שעהן,
איך זע זיי אין קינאָ און טעאַטער.
איך זע מיינע שכנים און שכנות,
ביים האָדעווען קינדער, ביים קאָכן,
איך זע זיי מיט מעלות, חסרונות,
מיט סקעפּטישן בליק און בטחון.
אַ שבת פאַרנאַכט אין שפּאַצירן,
אין ענגשאַפט אויף די טראָטואַרן,
איך זע ווי זיי שליסן די טירן,
אין בייזע פּאָגראָמען־געפאַרן...
איך זע אונדזער יוגנט אין תפיסה
פאַרשיקט אין סיביר, אין די שנייען,
איך זע ווי די יאָרן פאַרגייען.
די יאָרן וואָס זיינען אַריבער,
מיט זיי און אויף זייערע וועגן,
איך זע זיי די יידישע שטיבער,
איך קלאַפּ דאָרט, איך וויל עפּעס פרעגן...

## XLV

איך וויל דאָרטן בעטן מחילה
ביים פשוטן ייד איטשע מאַיער...
וואָס איך האָב זיין וועג און זיין תפילה
ניט שטענדיק פאַרשטאַנען, ווי טייער.
וואָס אים איז דער תהילים־קאַפּיטל
פיל מער ווי דער ראַדיאָ געפעלן,
וואָס ער האָט געשמייכלט מיט ביטול
פון פליען... מען טאָר עס ניט וועלן.
אַ ביטול פאַר יענע באַזונדער,
וואָס מאַכן דעם חשבון אָן בורא...
מען דאַרף דאָך אינגאַנצן איין וואונדער,
אַז מענטש זאָל צו מענטש זיין אָן מורא.
די וועלט האָט געיובלט פון ניסים
און דו ביסט פון וויטן געשטאַנען,
די וועלט אָן אַ ריינעם געוויסן,
ווייזט אויס, אַז דו האָסט שוין פאַרשטאַנען
די שנאה, די פינצטערע שנאה,
וואָס רייסט זיך צו שווערד און צו פייער,
זי האָט דיך געזוכט צו געפינען,
זי האָט דיך געכאַפּט איטשע־מאַיער!

## XLVI

איך זוך דאָרט די יידישע קינדער,
געשפּילט זיךביים ווייסל, געשריען.
דאָס קלינגט אין זכרון אַצינדער...
כאָטש אַלץ איז אין אימה פאַרשווינגן.
דערציילט מיר פון מומעס און פעטערס,
און רעדט זייער לשון, רעדט יידיש !
דערציילט מיר פון דאַוונערס און בעטערס,
פון פרומקייט ביז נדר, ביז חידוש...
דערציילט מיר פון חתונות, בריתן,
מיט שמחות, מיט בראנפן און לעקעך...
מען פלעגט אַמאָל טרערן דערגיסן,
ווייל טרערן דאָס איז אונדזער מקח.
די תחינות אויף יידיש, אויף יאָרן,
געמורמלט פון מאַמעס אויף יאָרן,
אַ שפּראַך אַ פאַרטייטשטע, אַ קלאָרע,
אויף דורות אויף גאַנצע געסטייעט.
אַ שפּראַך פון מתנגדות און חסידיש,
אַ שפּראַך... פון אַ וועלט אַ צעשטערטער...
אַ שפּראַך... אַ פאַרבלוטיקטער יידיש,
אַ שפּראַך פון די לעצטע ווערטער.

## XLVII

עס שפּילן זיך קינדער אין קנעפּלעך,
אויף איינס פון די וואַרשעווער הויפן,
איך זע די צעהיצטע, די קעפּלעך,
די אינגלעך די שוואַרצע, וואָס לויפן.
איך שטיי מיר אַליין פון דערווייטן,
וואו איך האָב די קינדער געפונען...
דערווייל איז אַ סכסוך, אַ שטרייטל,
מען ווייסט ניט: פאַרשפּילט צי געוואונען?
מען דאַרף עס באַטראַכטן, מיט יושר,
מען זעצט זיך אַוועק אויף אַ טרעפּל...
און ווער וועט עס ווערן דער עושר?
און ווער וועט עס האָבן דאָס קנעפּל?
מען פאָרשט ווי די אַלטע דיינים...
צי ריכטיק געשפּילט, צי ניט־ריכטיק?
מען שווערט זיך געטריי אויף נאמנות,
דער ענין איז ערנסט און וויכטיק.
אַ ניפּטיקע שפּין האָט אונדז צינדער
דעם נעכטן אינגאַנצן פאַרשפּונען...
איך ווייס ניט, וואָס איז מיט די קינדער?
איך ווייס ניט, פאַרשפּילט צי געוואונען?

## XLVIII

איך פיל זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן,
איך שוידער פון אומקום, אין פלאָנטער...
אַ ממזר פון זעכציק... פון יאָרן
און וועמעס דאָ בין איך אַ נאָנטער ?
איך ווייס ניט, צי האָב איך אַ קרוב,
אַ ברודער, צי האָב איך נאָך וועמען ?
אַ שוועסטער... און ווער איז מיר ערב,
פאַר אַלע די טייערע נעמען ?
נאָך אַלע די וויסטע רואינען,
נאָך אַלע די שדים־געפעכטן...
צי וועט מען מיין געסל געפינען,
מיט עפּעס אַ סימן פון נעכטן ?
די קברים אויף לאָדזשער בית־עולם,
צי זיינען זיי קברים פאַרבליבן ?
צי איז נאָך פאַראַן דאָרט אין פוילן,
אַ קוויטל, וואו איך בין פאַרשריבן ?
אָן נעכטן, אָן היינט, אָן בטחון,
אַ וואָגלער פון שטאַם אויסגעראָטן,
איך בין ווי פאַרמעקט און פאַרשטראָכן...
אַ ממזר פון זעכציק... אַ שאָטן.

## XLIX

אַלץ איינס אונדז, צי שווייגן, צי וויינען,
און לעבן און טויט... וואָס איז ערגער ?
דער שוואַכער בן־אדם, דער איינער,
ער דאַרף מיט זיי ביידן זיך ווערגן.
מיר האָבן שוין מער נישט קיין ווילן,
צו טרייסטן זיך איינער דעם צווייטן,
מיר זיינען, ווי די וואָס פאַרשפּילן
און בעטן, מען זאָל זיי באַגלייטן.
אָט איז זי די נאַכט... אויף איר לוח
שרייבט גורל אָן שרעקלעכע זאַכן,
געענדיקט דער לעצטער וויכוח...
מיט מענטש איז שוין גאָרנישט צו מאַכן.
אָט איז דאָרט אַ וואַסער... אין שטילן
מיט ביימער, ווי שומרים געטרייע...
אַ ביסעלע כוח און ווילן,
און פּטור פון קלאָג און לוויה...
ניט שטאַרבן, ניט לעבן, ניט וואַרטן,
איך האָב ניט די אַלע כוונות,
אויף קינדער אויף קליינע און צאַרטע...
אויף זיי בלויז, אויף זיי מיין רחמנות...

## L

רחמנות... איך בעט ניט ביים רויבער,
איך וויין ניט צום קאַלטן רוצח,
איך האָב נאָך דעם ניצוץ פון גלויבן,
איך רוף צו אַ העכערן כוח.
ווי גייט מען דעם אָפּגרונט אַריבער ?
ווי קען מען אַליין זיך פאַרגעבן ?
ווי רעדט מען פון מענטש און פון ליבע ?
רחמנות ! אַך, אל מלא רחמים !
פאַר אַלע אבלים... רחמנות !
ווי קאָנען מיר, עלנטע, שוואַכע,
באַוויינען אַזויפיל קרבנות ?
פאַר אונדזערע שוועסטער און ברידער...
דאָס לעצטע געבעט, וואָס מיר האָבן :
דו לאָז זיך אַראָפּ אין דער נידער
און העלף אונדז באַוויינען, באַגראָבן...

---

ביים טוי פון די זאַפטיקע גראָזן,
ביים ליכט פון די ריינע פאַרטאָגן...
אל רחמים ! דו וועסט נישט דערלאָזן,
אַז קדיש נאָך דיר זאָל מען זאָגן...

# טרעבלינקע...

מיין ברודער יוסף —
אויב ער לעבט...

## I

די לעצטע טריט פון תל־אָביבער באָדן
און ווייטער איז שוין ים אין ברייט און לענג.
איך קום אַהער מיט פּחד אָנגעלאָדן,
מיט אַלע שוואַרצע בשורות, וואָס איך ברענג.
עס איז מיר שווער די אויגן אָנצוּוואוּוענדן
און קוקן אין דער ריינקייט פון דער ווייט —
איך זאָל, חלילה, מיט אַ פרייד ניט שענדן
די קברים די מיליאָנען פון מיין צייט.
דער ים האָט אַ ליכטיקן באַגינען,
און איך? איך האָב געהאַט אַ וויסטע נאַכט,
איך קאָן ניט מער קיין שמייכל זיך פאַרגינען,
וואָס ליכט, וואָס רייץ? איך האָב שוין אָפּגעלאַכט.

## II

ווי שטיפעריש די ווייסע וועלן טאַנצן,
ווי קעצלעך ווייסע אין אַ קעצל־שפּיל,
זאָל ים מיר אויסטרינקען מיין צער אינגאַנצן,
און אפשר ניט... אַ שאָד דעם צער... איך פיל...
איך פיל דעם טעם פון אַלע שלאַנגען־סמען,
און האַרץ אין מיר איז אַ גיהינום־פלאַם.
איך מיין דאָ ניט צו שפּילן זיך אין גראַמען,
בלויז ריידן, ריידן פאַרן גרויסן ים.
פאַר ים, פאַר באַרג, פאַר פעלז און פאַרן שטורעם,
נאָר ניט פאַר מענטש פון שחיטה און פון קריג...
עס האָבן מיר געבראַכט אַהער יסורים,
און מיט יסורים וועל איך גיין צוריק.

## III

ניט רייצן זאָל מיך מער דער ווייסער זעגל,
וואָס שימערט ווי אַ טלית אין געבעט...
די שיינקייט שטעכט, זי דראַפּעט, ווי מיט נעגל —
ניטאָ קיין ליד מער, ניטאָ מער קיין פּאָעט.
די זון... איך קאָן פון איר ניט פּטור ווערן,
זי זונט אַרום מיט ליכט מיין שוואַרצן קרייז,
פון וויטן גרילצט מוזיק — איך מוז הערן,
איך לעב, איך עס, איך קיי פאַרסמטע שפּייז,
אָי, אָפּקומען פאַר מענטשנס שלעכטס און זינקען
אין זעלבסטפּיין גיין, אַז פּיין זאָל ניט פאַרביי,
כאָטש טויזנט מאָל דערווערגן זיך, דערטרינקען,
און טויזנט מאָל פאַרברענען זיך אויפס'ניי...

## IV

וואָס גיבן מיינע ווערטער און געדאַנקען ?
וואָס זיינען זיי ? פאַרברענטע שטיקלעך שטרוי...
איך האָב אַ וואָרט פאַר אַלעמען : „טרעבלינקע",
אַ וואָרט פון טויט, אַ טויטלעכער געשריי.
טאָ זאָל דער ים זיך אויפהערן צו שפּילן —
איך קאָן ניט זען, ווי גליקלעך ער איז...
ווען מענטשן קאָנען אַזוי ווייניק פילן,
איז וואָס דער ים מיט שוימיקן קאַפּריז ?
אין מורא בין איך איצט פאַר ליכט און שיינקייט,
איך זאָל עס ניט פאַרסמען מיט מיין בליק,
איך גיי מיר שטום אַוועק אין מיין אַליינקייט,
ווייל סיי־ווי־סיי איך בוי שוין ניט קיין בריק...

## V

אַ טאָג פֿאַרביי, אַ טאָג, אַ נאַכט — ניט מערער...
אַן אומרו און אַ קעלט און נאָר אַן אַנדער בילד.
איך שטיי ביי דער געאייזנטער באַריערע,
און איך דערקען ניט מער דעם ים, ווי ווילד...
עס לויפֿן מחנות בייז־צעקאָכטע שטראָמען,
אַ שטורעם דעם ברעג און נאָך אַמאָל אַ שטורעם,
ווי אָפּגרונט וואָלט אַרויס אין אונדזער נאָמען,
זיך נוקם זיין און אָפּצאָלן פֿאַר בייז.
איך גלויב דעם ים, איך גלויב אים אין מיין ליידן,
ווען אַלע אמתן האָבן ניט קיין ווערט,
דער צווייטער מבול וועט אונדז ניט פֿאַרמיידן,
דער צווייטער און דער לעצטער אויף דער ערד.

## VI

איך וויים, עס איז ניטאָ אַזאַ נקמה,
דאָך האַרץ איז מיר פון שוואַרצן האַס צעגליט...
די גויים גייען גערן אין מלחמה,
און שלעפּן מיט דאָס לעבן פון דעם ייד.
פאַר זיי איז דאָס אַ יאָגעניש מיט טאַנקען,
אַן איבערשטייג פון כוח און פון מאָרד,
פאַר אונדז איז דאָס משונה־טויט: טרעבלינקע...
אַך! איינגעזונקען זאָל שוין זיין דאָס אָרט.
דאָס אָרט פון טויט,פון לאַנגזאַמען פאַרסמען
און פאַרן טויט נאָך שפּאָט געגוג און קלעפּ...
אַ פּיצל קינד צוזאַמען מיט דער מאַמען,
די עמך־לייט און די גמרא־קעפּ...

## VII

די מומעס אונדזערע, די אַלטע באָבעס,
די אויגן און די ליפּן ריין און פרום...
אַ וועלט אַ פרידלעכע... פאַרוואָס באַגראָבן,
פאַרוואָס? פאַרוואָס? ווי נעמט מען עס אַרום?
טרעבלינקע דאָך וועט לאָזן אַ ירושה
פון קללות, וואָס די וועלט האָט ניט געהערט,
טרעבלינקע וועט פאַרגעסונג ניט פאַרטושן,
כל זמן דער מענטש וועט שפּרייזן אויף דער ערד.
דער ים איז איצטער פול מיט בייזער דראָאונג,
און נאָנט איז מיר זיין צאָרן, טייער־נאָנט...
איך קוק אויף אים מיט צער און מיט פאַרטרויאונג,
און ליב איז מיר דער שוואַרצער האָריזאָנט.

## VIII

גוט ־גוט וועט זיין, ווען ווינט וועט זיך פאַרשטאַרקן
אין שטורעם־ווינט, אין ווילדן אוראַגאַן —
אַרויסטרייבן די מענטשן פון די מאַרקן
און איבערקערן אַלץ, און שיף און באַן.
די ערד אַליין זאָל טאָן אַ קראַך, אַ ציטער,
און אויפטרייסלען די בערג אין פונדאַמענט...
דעם יידן אויף דער ערד איז זייער ביטער —
אין אונדזער בלוט געטונקט אַזויפיל הענט.
מיר זיינען ווי געפּלעפּט אין שרעק... מיר מאָנען
פיל קרובים איצט, מיר מאָנען ביי דער וועלט —
מיר וויסן בלויז, עס פעלן אונדז מיליאָנען,
אַ שוועסטער מיינס און דיינס, אַ ברודער פעלט...

## IX

אין שרעק צי אין באַהאַלטענעם פאַרקלעמען,
דער זעלבער לאַסט ברעכט אונטער מיינע טעג,
אַביסל שלאָף, אַ דרימל זאָל פאַרנעמען —
פון שוידער טאָג נאָך טאָג... איך פאַל אַוועק.
אָ, תל־אָביב, איך האָב פאַר דיר פיל דאַנקען,
פיל ברכות דיר פאַר בלומען און געבוי...
ווען ניט דער שוואַרצער בראָך, ווען ניט
טרעבלינקע —
איך בין געקומען דאָ צעבראָכן, גרוי.
אָ, תל־אָביב, דו קאָנסט קיין סך ניט וויסן
פון מיינע נעכט אין פענצטער־ראַם געלענדט...
דו שלאָפסט אַראָפּגעלאָזט די שווערע טריטן,
אַרויסגעשטעלט פאַר מיר די שטומע ווענט.

## X

דיין נאַכט איז אַ ווינגליד פון אַ מאַמען,
דיין נאַכט פאַרגעסט אָבער אָן מאמעס פיל...
זיי זיינען דאָרט פאַרבליבן אין די פלאַמען,
קרבנות זיינען זיי אין שדים־שפיל.
דיין רואיקייט — אַ רעטעניש אַ שטייפער,
דיין רואיקייט איז מיר נאָך ניט באַשערט...
אָט גייט פאַרביי אַ יונג, אַ יונג אַ פייפער
און פייפט... ווער ווייסט אויף וואָס, ווער ווייסט,
ווער הערט ?
און איך שריי אוים איין הילכיק שמע־ישראל !
פון דאָ, פון תל־אָביב ביז ניו־יאָרק שטאָט...
און וואו אַ ייד, זאָל גליען יידיש טרויער,
פאַר אונדזער איינזאַמקייט און הפקר־שפּאָט.

## XI

אַנטקעגן פענצטער שטעלט זיך די לבנה,
זי שווייגט... דאָך שווייגן קען איך דאָך אַליין...
צי פּאַסט עס איצטער שרייען און דערמאָנען
און אויפוועקן די שטאָט מיט אַ געוויין ?
נישט ווייט אין די אַרומיקע פּרדסים
צעקלאָגן זיך שאַקאַלן אויף דאָס ניי...
איך פיל, דאָס האָט עפּעס צו טאָן מיט מתים,
די נאָגנדע לאַנג־לאַנגע יאָמעריי.
דאָס קרעכצן אפשר קינדער האַלב־באַגראָבן,
פון זייער יונגער בלוט איז ערד צעווייקט,
וואָס קאָן איך צו מיין שוואַרצן דמיון האָבן,
ווען טויט האָט זיך אויף אונדז אַזוי פאַרלייגט...

## XII

אָ, נאַכט! באַשערטע מיינס, מיין לעצטע כלה!
דיין ווינטל קומט מיך טרייסטן און ער גלעט...
איך שווייג... אין שווייגן בין איך דיר מגלה
דאָס טיפסטע פון באַדויער און געבעט.
ווי איך האָב ליב געהאַט אין מיינע יונגע יאָרן
דעם טאָג אויף דר׳ערד, די שטערן איבער מיר,
די וועלט איז דאָך צעזאַם מיט מיר געבאָרן
אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, אַכציק פיר.
פאַר מיר איז דאָס געווען מוזיק — אַ ווינטל,
וואָס גייט אַריבער איבער פעלד מיט זאַנג,
פאַר מיר אַ בלימל־בלוי, אַ רויטער פינטל,
אַ וועלט מיט אָטעם פריי, אַ וועלט געזאַנג...

## XIII

מיין גאַס אָבער געווען איז איינגעבויגן,
און הייזער פראָסט פון קלעצער און פון ליים.
קיין ביסל גרינס ניט, קיין בוים ניט פאַר די אויגן,
בין איך געלאָפן זוכן, וואו אַ בוים.
דערנאָך געשריבן פערזן וועגן בעזן
און וואָכעדיקס געיום-טובט מיט אַ ליד.
בייטאָג געאַרבעט שווער, ביינאַכט געלעזן
און וואָס אַזוינס איז וועלט? און וואָס איז ייד?
עס איז געווען געגנוג... געגנוג געראַנגל
מיט זיך אַליין, געקעמפט מיט גאַס, מיט קלויז...
און איבער אַלץ און איבער נויט און מאַנגל —
איך בין פון גאַס מיינס קיינמאָל ניט אַרויס.

## XIV

געווען דאָרטן אַ צענטער צו אַ מנין,
כאָטש דאַוונען האָב איך ליב געהאַט אַליין...
דער עיקר איז דאָס פאָלק, עס איז אַן ענין
צו זיין מיט פאָלק און ליבן און פאַרשטיין...
איך האָב זיי אַלעמען געקענט אין פנים:
דעם טרעגער און דעם רייכן פאַבריקאַנט,
געחברט זיך מיט היימישע קבצנים,
מיט אַרבעטער געגאַנגען האַנט ביי האַנט.
געהאַט אפשר און ניט געהאַט קיין טענה,
געצאָרנט אָפט, נאָר קיינמאָל ניט פאַרשעמט:
מיין גאַס איז שיין מיט דעם, וואָס זי איז מיינע...
יאָ מיינע, מיינס... אָ, נאַכט! איך בין פאַרקלעמט.

## XV

איך בין צו קליין דעם חורבן צו דערמאָנען,
איך בין אויף שטויב צעברעקלט פון דעם גרויל...
דו ווייסט, וואָס הייסט ? געשאָכטענע מיליאָנען...
מען קאָן עס דען ארויסריידן פון מויל ?
אַ דורות־וואוקס, אַ דעמבע־וואַלד געוואַקסן,
אין טייכן זיך געשפּיגלט ווייט און ווייט...
אַ וואַלד פון בערד, פון יידן אָרטאָדאָקסן
און יידן וועלטלעכע, השכלה־לייט.
אַ וועלט געווען מיט לעבנס, עקזיסטענצן
פון דורות אויסגעפּרואווט, ווי קיינער מער,
געשטרעבט, געוואַנדערט איבער אַלע גרענעצן,
און פיינט געהאַט מלחמה און געווער.

## XVI

מיין איינן פֿאָלק באַדאַרף איך דאָך ניט לויבן...
מיין פֿאָלק האָט מיר געגעבן שפּראַך און ליד, —
מיין פֿאָלק איז מיין נשמה און מיין גלויבן,
מיין וועג איז אויסגעטראָטן פֿון דעם ייד.
איצט האָבן זיי דעם אַלטן וועג פֿאַרשאָטן
מיט ביינער פֿון מיין דור דעם וועג פֿאַרדעקט,
מיט אונדזער בלוט די ערד געדיכט פֿאַרקנאָטן,
און מענטש... דריי מאָל פֿאַרשאָלטן און פֿאַרמעקט!
אָ, נאַכט ! שוין ניט פֿון היינט און ניט פֿון נעכטן —
די פֿראַגע איז שוין אַלט דאָך, ווי די ערד :
פֿאַרוואָס קאָן איינער אַזוי רואיק שעכטן,
בעת דער צווייטער האַסט אַזוי דאָס שווערד ?

## XVII

עס ציטערט אויף אין מיר אַזאַ כוונה:
איך אייל מיט פלוך אין ווייסער נאַכט צום ים...
און „מע" און „בע" און נאַרישע לבנה —
עס וועט ניט זיין קיין גרויסער טאַראַראַם...
די פאַליעס וועלן זיך מיט מיר באַגריסן,
אַרומכאַפּן און אָפּקילן מיין ווײ...
ווי נאָר דער טאָג וועט נאַכט אין שטאָל פאַרשליסן,
וועל איך שוין זיין אַן איינענער מיט זיי.
דערנאָך ווען ים וועט גיין די וועלט פאַרפּלייצן,
וועל איך שוין זיין אַ פאַליע דאָ און דאָרט...
דאָס וועט נקמה זיין, דאָס וועט אונדז רייצן:
אַראָפּשווענקען אויף גלאַט די וועלט פון מאָרד.

## XVIII

דער ים אָבער, דער ים איז איינגעשלאָפֿן,
ליכט צוגעדעקט אין זיידענעם געוואַנט.
אומזיסט בין איך אַהער נאָך שטורעמווינט
געלאָפֿן —
די רואיקייט איז אויסגעטאָן פֿון שאַנד.
די רואיקייט פֿון מענטש, וואָס פֿרעסט זיין סעודה,
און שלאָפֿט זיך אוים געשמאַקער ווי דער נאַר...
געציילטע בלויז, זיי זיינען קראַנק־צערודערט,
און גייען טריט ביי טריט מיטן קאָשמאַר.
די רואיקייט, ווי קאָן מען עס פֿאַרגעבן?
מיט פֿאַלשע תירוצים פֿאַרנאַרט מען זיך באַקוועם...
וואו איז דער צער, וואָס נייגט אַראָפּ דאָס לעבן?
דער צער... דאָס איינציקע, וואָס איך פֿאַרנעם.

## XIX

איך ווייס דעם כוח פון די שוואַכע מענטשן,
די פּשרה איז דער שטענדיקער באַווייז...
זיי וועלן שוין געפינען וואָס צו בענטשן,
אַבי צו דויערן פאַר יעדן פּרייז.
עס שרעקט די אונטערטעניקייט פון לעבן,
עס מאַטערט אַ געדאַנק, אַ פּגע־רע...
זיי זאָלן ניט, זיי זאָלן ניט פאַרגעבן,
און שלום מאַכן מיט אַ וועלט אַזאַ...
מיין נאַכט! דו ביסט פאַר אַלע טעג דאָך עלטער,
דו האָסט שוין אונטערגאַנג געזען גענוג...
באַווייז אַ פונק, אַ ראַט... דו, סוד פון וועלטן!
דיין שווייגן איז דאָך אַזוי טיף און קלוג.

## XX

מיין נאַכט! דו וועסט אַוועק און מאָרגן־מאָרגן
וואָס הייבט מען אָן צו טאָן מיט זיך אַליין?
אַ האַרץ פון שטיין... מען זאָל עס קאָנען באָרגן
און פּטור זיין פון פילן און פאַרשטיין.
אין תענית גיין און אפשר זאָגן תהילים?
איך פרעג ביי זיך, איך צווייפל און איך פרעג:
ווי קאָן מען עס אַזעלכע טעג פאַרשפּילן
אין ביטול פון דער וואָך, ווי אַלע טעג?
ווי קאָן מען עס אַזויפיל טויט פאַרקנעטן
אין זאַטן באַלעגופישן גענום?
דאָך ניט מטמא זיין די שעה די שפּעטע
מיט בייזן און מיט נוצלאָזן פאַרדרום...

## XXI

ער שלאָפט דער ים... און איך בין דאָס זיין היטער,
אַ ניט־געצאָלטער שומר, אָן פאַרראַט...
אַ הימל דאָרט, אַ שטערן מיט אַ ציטער,
אַ נאַכט, אַ האַרטע באַנק פון מאגיסטראַט.
אַ שטילע וועלט און ניט קיין שטילע פראַגע.
וואָס טוט זיך דאָרט אויף יענער זייט פון ים ?
איך מיין איצט לאָדזש, לובלין און וואַרשע־פּראַגע,
איך מיין און מיין שוין ניט, עס מאַטערט סתם.
איך טראַכט, נאָר חיות פרעסן די מחשבות,
איך פיל, נאָר מעסערס שניידן אין דער שטיל...
פון „מי לחיים" און פון „מי למות"
האָט לעבן קלאָגעדיק פאַרשפּילט דאָס שפּיל.

## XXII

די שטערן זיינען קליין און קוים זיי צאַנקן...
טאָ ווער־זשע קלינגט עס מיר אַריין אין קאָפּ?
אַ שטורעם־גלאָק פאַרהילכט מיר מיט
„טרעבלינקע"
און ערד און הימל און אַלץ איז באַרג אַראָפּ.
דאָס וואָרט צעשמעטערט נעבעכדיק און אָרעם
מיין ווירדע פון ביז היינט און מיין געפיל.
ווען בין איך מענטש געווען? איך בין אַ וואָרעם...
און זאָל מיך ווער צעטרעטן, ווער עס וויל...
טרעבלינקע דאַרף מען שרייען און ניט ריידן,
אויף נאַקעט לייב אַ שטאָל־צעגליטער ברען...
מען דאַרף אַליין זיין איינער פון די שדים,
צו דערציילן וואָס דאָרטן איז געשען.

## XXIII

טרעבלינקע איז דער זיג־פּלאַץ פון מנובל,
דער ווידערקום און טריאומף פון קאַניבאַל,
אַ צווינג האָט אים געבוירן דעם מנובל
אין עסטרייך ערגעץ, אין אַ חזיר־שטאַל.
טרעבלינקע וועט פאַרבלייבן אַ ירושה,
אַ מכה טיף אויף דורות און אויף איצט,
אַ שפּיי אַ בלוטיקער, אַ שוואַרצע בושה,
אַ קללה־שריפט פאַר מענטשהייט אויסגעקריצט.
טרעבלינקע איז דער שרעקלעכסטער סך־הכל
פון איבערשאַצן מענטש און מענטשלעך ווערט...
מען דאַרף דאָך זוכן, זוכן מיט אַ פאַקל
אַ סימן פון געוויסן אויף דער ערד...

## XXIV

ווען שאָטן בלויז פון איר זאָל איבערבלייבן,
וועט ער, דער שאָטן, אין דער וועלט אַוועק...
אויף גאַסן גיין און אויף די הערצער שרייבן
דאָס וואָרט דאָס פינצטערע, דאָס וואָרט פון שרעק.
די אויגן וועט עס אויסדראַפּען דעם יענעם,
וואָס שווינדלט פרום און פאַלשעוועט מיט רעכט...
אָט דאָ אויף דר'ערד אין גיהינום איבער גיהינום
און גלויבן איז פאַרבלוטיקט און פאַרשוועכט...
מיר האָבן פיל פאַרגעסן... דאָך טרעבלינקע
זאָל ניט פאַרבלייבן ערגעץ אין אַרכיוו...
מיט וויסנשאַפט און נישטיקע געדאַנקען
באַשריבן פון אַ פאָרשערל נאַאיוו.

## XXV

אַז אַלע שרעקן, אַלע שוידערן פון דאָרטן,
זיי זאָלן זיך אַוועקלייגן, ווי בליי...
אויף יעדער גאַס און געסל און אויף גאָרטן,
אויף יעדער בילד אין בוך און דרוקעריי.
עס זאָל זיך מענטש ניט חנדלען מער, ניט טרוימען
פון איבערמענטש, ווען מענטש איז נאָך נישטאָ...
עס זאָל זיך לערנען קריכן איבער צוימען
פאַר זין פון רעכט, פאַר אויסגעפּרואווטער שעה...
טרעבלינקע זאָל אַ צונאָב זיין, אַ מישונג,
אַ דאָזע סם פאַר ווינען און געקעכץ.
און דאָ און דאָרט ביי אויסגעפּוצטע טישן
פון זיך אַליין זאָל גיין דער גסיסה־קרעכץ.

## XXVI

װען חתן־כּלה װעלן זיך באַגעגענען,
ביי יעדער תּאװה און יעדער זינד...
װען אויף די פּעלדער װעט זיך פריש צערעגענען
און ביים געבורט פון יעדע נייע קינד,
ביי אַלע קלוגע רייד און אויך ביי שטותים —
טרעבלינקע זאָל אייך כאַפּן ביי די הענט...
ביים אָננעמען געזעצן און באַשלוסן,
ביי װאַלן פון אַ נייעם פּרעזידענט.
טרעבלינקע־שוידער, װי דער לעצטער מיטן,
װי אונטערגאַנג, װי אָנהייב פון דעם סוף.
די דזשאָנגל־חיות װעלן שוין באַשטימען
פאַר מענטש אַן עבֿטע און גערעכטע שטראָף...

## XXVII

טרעבלינקע איז דער ווייזער צו נקמה
אין גיהינום־שפּיל אַן אָנגעמערקטע קאָרט...
געווינען וועט מען זיכער די מלחמה,
פאַרשפּילן וועלן מיר דעם יידן־מאָרד.
אין ווייסן קאָנגרעס־הויז, אין וואַשינגטאָנער,
אין ענגלאַנד דאָרט, אין שטייפן לאָרדן־הויז...
טרעבלינקע איז דער מאָנער און דערמאָנער,
טרעבלינקע שרייט פון אונדזער בלוט אַרויס...
טרעבלינקע זאָל זיך זיגלען און פיקסירן
און רופן פליכט, וואו פליכט איז נאָר פאַראַן —
אויף וועסטמינסטער, אויף קלויסטערס שווערע
טירן
און אויף די ווענט פון אַלטן וואַטיקאַן...

## XXVIII

מיין נאַכט! איך וואַרף אין דיר צעגליטע ווערטער —
זיי פאַלן ווי אין טאָל, אָן ווידערקול...
דיין רואיקייט וועקט אויף די אַלטע ערטער,
אַ וועלט שטייט אויף אַ גרויסע מיטאַמאָל.
אַ וועלט, געשטאַלטן, קרובים, פריינד און שונאים,
איך זע פיל שטעט און שטעטלעך אין געגוי...
און פלוצלינג שפּרינגט אַרוים מיין ברודערס פּנים,
דערנאָך זיין זון, זיין טאָכטער און זיין פרוי.
מיין חבר און פאַרלעגנער חיים בזשאָזע —
פאַר יידיש וואָלט ער שפּרינגען גלייך פון בריק.
אָט האַלט ער די קאָרעקטן פון ספּינאָזע
און דרוקט דאָס בוך אין דריטן טאָג פון קריג...

## XXIX

מנחם מענדל הורוויטש, דער קאָרעקטאָר,
זיין לעבן איז געווען איין גרויסער גרייז...
רעדאַקטאָר צבי פרילוצקי, עפעם פרעגט ער;
ביי אַכציק יאָר, באַדאַרף ער וויסן נייעס.
עס לויפן בילדער פיל קאַליידאָסקאָפיש...
אַ גרויסע ראָטאַציאָנס־מאַשין אין גאַנג,
ביי דער מאַשין דער אַלטער י. י. פראָפּוס
און אויפן הויף אַ חסידישער געזאַנג.
די נאַלעווקעס מיט יידן אַזאַ מעננע —
מען מאַכט זיך שוין אַ דורכגאַנג, ווי עס איז...
אַ בלאַסער ייד פאַרקויפט קאַלירטע סטעננעס,
אַ ייד אַ שוכפוצער... אַליין אָן פיס.

## XXX

פיל קליינע ברעקלעך פון אַ גרויסן לעבן,
באַחנט... נאָר אויסגעבלוטיקט איז דער חן.
טלאָמאַצקער שול מיט ביימער פיל דאָ נעבן
טלאָמאַצקע... און דער שרייבערישער פאַראיין.
דער קעלנער מאַקס, מיין פריינד פון „פּיקאַדילי"
געווען פאַרליבט אין אונדזער שרייבער־טיש.
איז גרייט געווען פאַר קיפּנים... אַפילו
צום ווייסל גיין נאָך לעבעדיקע פיש...
פיל הימישקייט פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
ווער האָט צו דעם די האַרציקייט און מאָס ?
איך בייזער זיך אַליין אויף מיין זיכרון —
צו וואָס דערמאָנען אַלץ ? צו וואָס ? צו וואָס ?

## XXXI

מיין אַרנאָלֿד קריכט אַרוים... ווער ווייסט פון וואַנענט ?
אַ יונג אַ טייערער, דעם טעאַטער טריי.
ער האָט אונדז שרייבער גאָרניט שלֿעכט פאַרשטאַנען,
געלֿאַכט צו אונדז און אויסגעלֿאַכט דערביי.
דאָס טעאַטער איז געווען ביי אים אין האַרצן
און אסתּר־רחלֿע דאָס גרעסטע שאַץ...
געהאַט אַ בריוו פון אים אַלֿיין, פון שוואַרצן
און אַ פאָטאָגראַפיע פון לֿודוויג זאַץ.
ער האָט געקענט די נאַס און אירע באַנערן,
געוואוסט, וואָס עולֿם וויל, וואָס עולֿם גאַרט...
האָט אַלֿץ געוואַרט אַ וויכטיקע פּרעמיערע,
האָט לֿאַנג געוואַרט און בלֿוטיק זיך דערוואַרט...

## XXXII

עס קראַכט די ערד פון אונטן און פון אויבן
און פאַלט אין אָפּגרונט טיפער נאָך, ווי טיף...
און מיר זיינען געוועזן נאַאיוו צו גלויבן
און וואַרטן לאַנג פון יענער וועלט אַ בריוו.
דער הימל ווייזט מיר רואיק די לבנה
אַ מת, אַ זינגל פאַר דער גאַנצער ערד...
אָט דאָס איז קלאָר, אַן ענטפער אָן סימנים,
אַ רונדער און אַ ליידיקער קאָנווערט.
איך לייען זיי די בריוו, וואָס ניט געשריבן
און דעמאָלט, ווען איך לייען גיי איך איין...
צו וואָס בין איך אין עלנט דאָ פאַרבליבן ?
דאָס זעט דאָך מאָדנע אוים, אַ מאָדנער זיין...

## XXXIII

מיין נאַכט ! דו ביסט באַרופן צו פאַרדעקן
די נאַקעטקייט און שלעכטס, פון טאָג און וועלט,
טאָ ווייז מיר ניט די מוראדיקע פלעקן
און זאָג ניט אונטער ווער עס פעלט...
איך וויים שוין אַלץ, איך וויים און זע אַלץ מערער
און לײדיק ווערט דאָס לעבן פון מיין זען...
איך זע אַפילו בלוט אויף דיינע שטערן,
בלויז בלוט און בלוט... איך טונק אין דעם מיין פען.
אַ וואָרט אַזאַ אַ מעכטיקן געפינען,
וואָס זאָל ביז גאָר צעטרייסלען ערד און רוים —
טרעבלינקע זאָל פאַרפינצטערן דעם זינען,
טרעבלינקע־גרויל פאַר אַלעמען אַ תהום...

## XXXIV

עס שוועבט פאַר מיר, עס פאָכעט ווי אַ פעכער,
עס שפּרינגען הייזער יידישע אַ שלל...
פיל שולן קרום מיט אויסגעקרימטע דעכער
און גאַסן, ווי עס מאָלט זיי מאַרק שאַגאַל.
ווייס־ווייסע קיטלען, מתים אין טליתים
און איינער מיט אַ הויקער שלעפּט אַ ציג...
עס ברענען ערגעץ יאָרצייט־ליכט גאָר גרויסע
און אין אַ פענצטער ווינט זיך פּוסט אַ וויג...
עס שפּרינגען וועלדער און דיביימער פאַלן,
עס לויפן טייכן און זיי בלייבן שטיין,
עס פלאַקערן דעם פאַכטערס אַלטע שטאַלן
און ווײַסטע קראָען קראַקען מיט געוויין.

## XXXV

עס לויפן באַנגען איבער הויכע בריקן,
מיט ווייסן שרעק וואַגאָנעס איבערפולט...
מען פירט דאָ זיפּץ מיט האַלב־פאַרגלאָצטע בליקן,
מען פירט געדאַנק פון פיין ביז טויט צעדולט.
מען פירט דאָ תורה אין צעמישטע מוחות,
מען פירט געדולד פון צוואַנציק הונדערט יאָר...
געביין פון פאָלק, די איינגעשפּאַרטע כוחות,
די זקנים און דער פלאַנץ פון יונגן דור...
דורך וויסטע ברעטער דאָרט, דורך ענגע שפּאַרן,
דורך לעכער הינטישע... עס קריכן הענט...
הענט... הענט... נאָך לעבעדיקע, קראַנקע, דאַרע...
זיי רייסן זיך משוגע פון די ווענט.

## XXXVI

אַ בלאַסקייט ליגט אויף אַלץ און שטום און שפּעט איז,
צי איז דאָס שוין דער סוף פון נע־ונד ?
דער ים צעליינגט זיך ברייטלעך, מאַיעסטעטיש,
פון אייביקייט שוין גלייכגילטיק און זאַט.
און איך בין מיד, איך קאָן שוין מער ניט טראָגן
דעם לאַסט פון מענטש, דעם לאַסט פון מענטש און ייד —
איין גאָט אין הימל ווייסט דאָ וואָס צו זאָגן...
ווי איך בין מיד, אָי, ווײ! ווי איך בין מיד...
איז ליגן דאָרט צעווישן יענע ביינער,
זיך איינטוליען מיט לעצטן צער און ווײ...
דער ווינט וועט זיין דער איינציקער באַוויינער
און דאָס איז אַלץ... פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר זיי.

# ישובים מיינע...
(שורות אכט)

I

## ישובים מיינע

ווי טרייסט מען אייך ? ישובים מיינע !
דאָס וואָרט איז מיר אין האַלדז דערשטיקט...
ווי קאָן עס זיין, די זון זאָל שיינען ?
ווען שוואַרצע נאַכט האָט אַלץ באַזוּנגט...

ווי טרייסט מען אייך ? ישובים מיינע !
נישטאָ קיין טרייסט אין אונדזער צייט...
ווי אומבאַהאָלפן ווייט מיר זיינען,
און אפשר ווייטער נאָך ווי ווייט...

II

## אַ פּחד

געלעבט האָבן ייִדן פֿון סעדער
אין קאַזשמיעזש און אַנדערע פּלעצער,
אין קריניק געוויקט האָט מען לעדער,
אין נורעץ געזעגט האָט מען קלעצער.

געלעבט האָבן ייִדן מיליאָנען
ביים ווייסל, ביים סאַן און ביים דניעסטער...
אַ פּחד באַפֿאַלט ביים דערמאָנען
אַ ברודער פֿון דאָרט, צי אַ שוועסטער.

III

# ק ד י ש

איך האָב געוואָלט ביים פאָלק פאַרדינען
אַ קדיש־זאָגער, צום דערמאָנען.
איצט יאָמערט אוים מיין האַרץ און זינען
אַ שוואַרצן קדיש נאָך מיליאָנען.

ניט סטייען וועט קיין ליכט אַפילו
אין טעג פון יאָרצייט אָנצוצינדן...
מיט פאָלק געווען איז ליד און תפילה,
אָן פאָלק וועט גאָט אַליין פאַרשווינדן...

IV

## שריי

שריי! ווייל קיין טרייסט וועט פון ערגעץ ניט קומען.
ווייל אַלץ איז פאַרשאָלטן ביז גאָר...
שריי! ווייל אין אונדזערע שטעטלעך די פרומע
איז שווייגיק געוואָרן אַ דור.

שריי! כאָטש מען וויים ניט צו וועמען? פאַר וועמען?
כאָטש לעבן איז גאָר שוין ניט ווערט.
שריי! אַז דאָס אומגליק זאָל ווערגן און קלעמען
און אָפּסמען אַלץ אויף דער ערד.

V

# קינדער

קינדער פון לענטשיץ, פון זדונסקע און לאַסק...
מיט זיי דאָך אוודאי איז גאָר ניט געשען.
פנימלעך מאַטע, אַ ביסעלע בלאַס,
און אויגלעך — די שענסטע, וואָס איך האָב געזען.

קינדער מיט פאות, האַלב־שטיפער, האַלב־פרום,
פון טאַטן און זיידן צום דאַוונען געפירט.
רבונו של עולם! אין הימל, אין רום...
מיט זיי דאָך אַוודאי האָט גאָרניט פּאַסירט.

## VI

# פאַר דעם הונט

יאָ, אַלץ און אַלץ. וואָס איך האָב ווען געלערנט
ביי זוניק טאָג, ביינאַכט ווען אויסגעשטערנט.
דאָס שענסטע וואָס פון בוך און וואָס פון יאָרן,
דאָס הייליקסטע פון האַרץ און פון זכרון.

דאָס ליד און רוף פון דורות. דאָס באַגערן,
אַז מענטש זאָל ווען עס איז נאָך בעסער ווערן...
אָנשטאָט אַ ביין וואָלט איך דאָס אָן חרטה
צום הונט אַ וואָרף געטאָן און קאַלט צעטראָטן.

VII

## גלייכער וואָלט געווען

אויף דעם האָסטו מיך, גאָט, גרוי־ווייס און אַלט
געמאַכט,
איך זאָל דערלעבן זען ווי פאָלק ווערט אומגעבראַכט...
מיין פאָלק, מיין שטאַם, פון דיר אַליין צום גיהנום
אויסגעווילט.
אויף דעם האָסטו מיך, גאָט, די יאָרן איינגעטיילט?

שוין גלייכער וואָלט געווען, דאָס פאָלק זאָל בלייבן גאַנץ
און איך — אַ דיכטער דאָרט אָן פרייד, פאַרנעם און גלאַנץ
זאָל ליגן אין מיין רו פאַרווינט פון ווינט און בוים,
און איבער מיר זאָל אויסלעבן די אַלטע הוים.

VIII

## אַז מענטש אַליין

מיט מזוזות אויסגעהיטן זיך פון שדים,
מיט תפילות אויסבאַגלייט די שווערסטע טעג...
דאָך נישט געחלומט האָט זיך עס מיין זיידן,
אַז מענטש אַליין זאָל זיין דאָס גרעסטע שרעק.

אַז מענטש אַליין, אין מענטש־געשטאַלט און פּנים,
געבוירן און געצערטלט פון אַ פרוי...
אַז מענטש אַליין, פאַרשאָלטן זיין דערמאָנען,
זאָל הרגנען אויף קאַלט... אַזוי געגנוי.

IX

## די בענטשליכט

די בענטשליכט פאַרלאָשן פון אונדזערע שטעטלעך,
די אַלטע ישובים צעטריבן, פאַרמאַכט...
געווען איז עס יידישלעך, מענטשלעך און געטלעך,
געווען איז געזאַלבט אונדזער פרייטיקצונאַכט.

געווען זיינען שולן מיט פאַרמעט, מיט ספרים.
צוזאַמען מיט זיי, מיט די דאַוונער פאַרברענט...
געווען זיינען לעבנס... פאַרשוואונדן אין קברים —
און וואָס זאָלן טאָן מיינע הילפלאָזע הענט ?

X

## די זאַבלודאָווער שול

די טיפסטע קונסט פון צייטן און פון סטילן
די אײדלסטע ניואַנסן פון מוזיק,
דער פערזן־קלאַנג פון דאַנטע און ווירגילי,
דער טעמפל־בוי פון דורות פיל צוריק.

דאָס אַלץ, וואָס קינסטלער־מענטש האָט אָנגעזאַמלט,
געשניצט פון פיין־געפיל און שכינה פול...
דאָס אַלץ האָט זיך פאַר אונדז נאָר דעמאָלט־דעמאָלט,
ווען אין זאַבלודאָווע איז גאַנץ די שול...

XI

## פּיקאַדילי וועט זיין

פּיקאַדילי וועט זיין, און שאַנס עליזיי,
סאָרבאָנע וועט בלייבן, און בריטיש מוזיי
און שטעט וועט מען בויען פון אייזן־בעטאָן,
נאָר מיר וועלן זיין אין די חורבות פאַרטאָן.

די וועלט וועט ניט וויסן, די וועלט וועט ניט זען,
די וועלט וועט אַריבער אויף אַלץ, וואָס געשען...
נאָר אונדזערס אַ דיכטער וועט וויינען, אָן זין,
אויף עפּעס אַ שמה פון אַלטן לובלין...

XII

# אַ חרפּה

אַ חרפּה צו לעבן. אַ חרפּה צו זאָרגן,
אַ חרפּה צו וואַרטן און גלייבן אין מאָרגן,
אַ חרפּה די זון און די בלום און דער שמייכל,
אַ חרפּה די שיינקייט, אַ חרפּה דער שׂכל.

אַ חרפּה צו גיין אויף דער ערד און געניסן,
מיט פּשרות צו נאַרן דאָס האַרץ און געוויסן.
אַ חרפּה מיט קלאַנג און מיט ליד צו שפּילן.
אַ חרפּה דאָס טראַכטן, אַ חרפּה דאָס פילן.

XIII

## איר מעגט עס באַגראָבן

איר מעגט עס באַגראָבן אין אונדזערע קברים
צוזאַמען מיט אונדזער פאַרפייניקטן שטאַם —
די שריפטן די אַלטע, די טייערע ספרים —
איר מעגט עס פאַרזינקען, ווי שטיינער אין ים.

אַ וועלט — אַזאַ שעכטהויז באַדאַרף ניט קיין לוחות,
באַדאַרף ניט קיין גאָט און קיין תפילה־געצעלט.
צו אַלע די שוואַרצע, פאַרשאָלטענע רוחות!
אין אָפּגרונט, אין אָפּגרונט אַריין אַזאַ וועלט...

XIV

## שוין הונדערט מאָל

שוין הונדערט מאָל איז האַרץ אין מיר אויסגעגאַנגען,
און ווידער בלוטיקט עס און וואַכט...
און ווידער ברען איך אין צעגליטע צוואַנגען
פון אונדזער איצטער... ניט געדאַכט.

שוין הונדערט מאָל געשטאָרבן, אָפּגעשטאָרבן,
און ווידער שרעק, און ווידער סם...
אַך, גאָט, זאָל איך שוין זיין דער לעצטער קרבן,
נאָר ראַטעווע אַרויס מיין שטאָם!

תל־אָביב, 1943.

XV

## שטיינער

שטיינער! ראַטעוועט, ראַטעוועט פון מענטשן,
עס זיינען שטום געוואָרן אַלע שריפטן, אַלע ביכער,
עס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן די טייערסטע געבאָטן,
דער לעצטער גלי פון אמת ווערט פון שדים־טריט
צעטראָטן.

שטיינער! נעמט אַוועק מיין האַרץ און מיינע טרערן.
ראַטעוועט! איך וויל דאָך אויך אין שטיין
פאַרוואַנדלט ווערן,
אָדער איר אַליין צעשרייט זיך אויפן לעבן... שטיינער!
די לעצטע קללה פאַר אַ וועלט אַזאַ געמיינער.

XVI

## דריי קראַוואַטן

איך האָב שוין ווידער דריי קראַוואַטן,
דריי קראַוואַטן — עכטער זייד.
די נשמה צו פאַרלאַטען
אין אַזאַ צעפליקטער צייט...

די נשמה צו פאַרלאַטען
און צו מילדערן דעם בליק...
איך האָב שוין ווידער דריי קראַוואַטן
אפשר אויספלעכטן אַ שטריק?

## XVII

# צרות פון אַ דור

די נאַכט איז ווי אַ קבר פאַר מיין וואַנדער —
איך ליג דאָ מיט צרות פון אַ דור.
אַזאַ געלעגנער, צי אַנאַנדער —
דאָס בייט שוין נישט מיין גורל אויף אַ האָר.

איך ליג דאָ אַ צעשמעטערטער פון שטורעם,
פאַרטויבט אינגאַנצן פון דעם לעצטן קראַך,
איך ווייס שוין באַלד נישט, ווי מען לעבט עס אָן יסורים,
איך ווייס שוין גאָרנישט, ווייל איך ווייס אַ סך...

XVIII

## וואו איז מיין היים?

הער איך דעם ווינט, ווי ער ברעכט אַלע וועגן,
בין איך מקנא דעם ווינט...
איך האָב בלויז גזרה און גרענעץ באַגעגנט...
וואָס איז מיין זינד?

זע איך אַ בוים איינגעוואָרצלט אין באָדן —
בין איך מקנא דעם בוים...
אומעטום האָב איך מיין עלנט, מיין שאָדן —
וואו איז מיין היים?

XIX

## דער ווינט

מיין מנוחה צו דעריאָגן
האָב איך לענדער דורכגעוואַנדערט...
וואָס דער מענטש זאָל מיר נישט זאָגן —
זאָגט דער ווינט מיר עפּעס אַנדערש.

נישט געפאָלגט האָב איך מיין רבין,
נישט געפאָלגט האָב איך מיין טאַטן...
נאָר דעם ווינט וועל איך אין לעבן
קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרראַטן.

XX

# אָן שכר

אין די פאַרבלוטיקסטע גרויזאַמע טעג
איז אונדזער לײדן דאָס גרעסטע פאַרמעג...
זאַמלען די טרערן, די צרות, דעם צער
און נישט דערוואַרטן פון קײנעם קײן שכר...

לײדן און לײדן, און שװײגן זײן שטאַרק,
אַ װעלט אַ צעשמעטערטע ליגט אױפן קאַרק...
טרײסטן און העלפן דאָס אײגענע האַרץ,
װאונדער מוז װײזן דאָס אײגענע האַרץ.

XXI

# אַ בקשה

איך האָב חברים דאַכט שוין זעכציק יעריקע
פיל אויסגעליטענע פון וואַנדערן און קריג.
זאָל איינער אָנשרייבן אַ בריוול פון אַמעריקע
און איך וויל ענטפערן מיט דאַנקבאַרקייט צוריק.

איך מיין עס אויפריכטיק, אויף קיין קאַטאָוועס ניט:
זאָל איינער צושיקן אַ וואָרט איבערן ים...
זאָל איינער אָנשרייבן צו סעגאַלאָוויטשן
אַ ייד אַן איינגענער פון ביאַליסטאָקער שטאַם...

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| איינלייטונגס-וואָרט פון מאַרק טורקאָוו — — — — — | 7 |
| א בוים פון פוילן — — — — — — — — — — — | 15 |
| דאָרטן... — — — — — — — — — — — — — — | 67 |
| טרעבלינקע... — — — — — — — — — — — — — | 119 |
| ישובים מיינע... — — — — — — — — — — — | 159 |

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן דרוקן
דעם 15-טן אויגוסט 1945, דורך דעם
פאַרלאַג „יידיש”, אין דער דרוקעריי
„ראַ-דאַ”, בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir
el día 15 de Agosto de 1945 por la
Editorial "IDISCH", en los Talleres
Gráficos RA-DA, Buenos Aires.